STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04023

GEZANGEN TSU MEDINES YISROEL

I. A. Lisky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאנגען
צו מדינת ישראל

SONGS
TO THE LAND OF ISRAEL

by I. A. Lisky

Published by a Committee.

London, 1968

Volume 1

THIS BOOK WILL BE WELCOMED

Mr. I. A. Lisky is a talented poet whose contribution to Yiddish Literature is well-known. He is a dauntless and zealous defender of Yiddish. His poems are stylish, intelligent, adroit and colourful, and are full of emotional conviction.

These poems which originally appeared in "di Yiddishe Shtimme" deserve to be put in a permanent form for they cover a vast range of experiences.

I feel sure that this book will be welcomed. It should prove of value not only to lovers of Yiddish, but to every Jew who cherishes Jewish literature.

Rabbi Dr. H. Rabinowicz, B.A., Ph.D.

The Poems are dedicated to the Commemoration of the Holocaust and the Jewish national survival in Israel.

A grant from the Memorial Foundation For Jewish Culture helped in preparation of the study.

י. א. ליסקי

געזאנגען
צו מדינת ישראל

באנד איינס

ארויסגעגעבן פון א קאמיטעט
צום צוואנציקסטן יאר פון אונזער אומאפהענגיקייט
לאנדאן 1968.

מזמורים למדינת ישראל

לכבוד יום העצמאות העשרים

ספר ראשון

נדפס בלונדון שנת תשכ"ח

Copyright by I. A. Lisky, London, 1968.

הויפט־פארקויף פון דעם בוך:

The book is obtainable in England, America and Israel

R. Golub & Co. Ltd. Booksellers, 27, Osborn Street, London, E.1.
"CYCO", 25 E. 78th Str. New York 21, N.Y.
H. Stein—Bookseller, 52, King George Avenue, Jerusalem.

AUTHOR'S ADDRESS: 13, CARYSFORT ROAD, LONDON, N.16.

פרייז. £1-0-0

א מערקווירדיקע דערשיינונג

עס זיינען פאראן א סך אידן, וועלכע האבן שוין לאנג אויפגעהערט זאגן קדיש נאך אידיש אין לאנדאן. די שפראך עקזיסטירט נישט פאר זיי; די וועלכע באמיען זיך איר צו דערהאלטן, זיינען סתם בטלנים, וואס חלומען וועגן נעכטיקע טעג.

פאראן אנדערע אידן ביי וועלכע עס ווייטיקט דאס הארץ, ווען זיי טראכטן וועגן דעם מיט וואס פאר א וואנדאליזם אונזער פאלק דערלאזט דאס צושטערן פון זיינע גייסטיקע אוצרות. אבער עס זיינען פאראן גאנץ ווייניקע וואס פרווון עפעס צו טאן, כדי אויפצוהאלטן דאס אידישע ווארט אין א מדבר פון גלייכגילטיקייט. י. א. ליסקי געהערט צו די מאמינים און עקשנים. די זאמלונג פון זיינע לידער איז א מערקווירדיקע דערשיינונג אין אידישן לאנדאן.

אינטערעסאנט זיינען די הויפט-מאטיוון פון ליסקי׳ס לידער. א סך פון זיי זיינען געווידמעט דעם נייעם לעבן אין ארץ-ישראל. לעבט א איד אין „קאלטן לאנדאן" אבער זיין הארץ איז מיט די בויער און פארטיידיקער פון דעם אידישן היימלאנד. ער באוואונדערט די שעפפערישע טאט פון די חלוצים. ער איז באגייסטערט פון זייער מוט און זייער גלויבן אין דער צוקונפט פון דעם פאלק.

אנדערע מאטיוון אין ליסקי׳ס לידער, זיינען די ליידן, די זכעונישן, דער גורל פון יחיד. עס איז אים נאענט און ליב דער אידישער מענטש. ער געדענקט שטענדיק די טראגעדיע פון אונזער דור. דער חורבן איז א רעאליטעט, דאך ווילט זיך גלויבן אין בעסערע טעג. די טרייסט פאר ליסקי׳ן, זיינען די היסטארישע טאטן אין ישראל, און דער קאמף פאר סאציאלער גערעכטיקייט.

ליסקי׳ס לידער דערמאנען אונז, אז „לא אלמן ישראל", אז אויך אין לאנדאן זיינען נאך פאראן מענטשן, וואס גלויבן אין דעם כוח פון אידישן ווארט ...

דר. ש. לעווענבערג.

די אידישע מערכה

וואשט איך די הענט און מאכט א ברכה —
עס קומט דאס נייע אידישע ליד,
עס קומט דערהייבן די אידישע מערכה,
דאס ליד קומט מיט פרייד צו דעם איד.

עס קומט, עס קומט דאס נייע ליד —
עס קומט פון אייגענע פעלדער,
פון דעם ווייגארטן פון דעם איד,
פון דער שטאט קומט דאס ליד.

עס האט אויפגעבליט דער ווינשטאק —
בליט אויף די תבואה אין פעלד,
פול מיט האניק איז דער בינשטאק,
דאס ליד קומט פון דער זון אין פעלד.

דאס ליד קומט פון דעם ווייץ אין די זאנגען —
עס קומט פון דעם ווינט אין וואלד געפאנגען,
עס קומט באנייען די אידישע מערכה,
וואשט איך די הענט און מאכט א ברכה.

עס וואקסט דאס לאנד, עס וואקסט דער איד —
דער וואגן לויפט, די רעדער קלינגען,
פון ווייטן הערט מען זינגען דאס נייע ליד,
די קינדער שפילן און זיי זינגען.

זאל דער איד זיך מער ניט פרעגן —
איז מיין האנט איצט שטארק גענוג,
די שונאים צו פארשטעלן די וועגן ?
ברענגען וועט די ברכה זון און רעגן.

זאל פארטיק ווערן ווערק נאך ווערק —
האקט די שטיינער פון די בערג,
זאל וואקסן די גבורה אין דעם לאנד,
דער איד האלט פעסט די מערכה אין דער האנט ...

א צוריקגעמישט בלאט

(געווידמעט דר. ישראל פעלדמאן)

א צוריקגעמישט בלאט איז דאס פעלד מיט די שטיינער —
העלפט די מאמע אפרייניקן די שטיינער פון פעלד,
די מאמע מישט צוריק דאס בלאט,
מיט פרייד פאלט א שטילע טרער.

די קינדער העלפן אוועקטראגן די שטיינער —
פון דער מושבה איז דער טאטע דער העלד,
ער פאראקערט און ער פארזייעט דאס פעלד,
צווישן די העלדן דארט איז ער איינער.

טראגט זיך פארביי דער ווינט —
בעמט ער מיט א טרער און א טרער,
ער טראגט אפ די טרערן באזונדער,
אין בבל, רוים און אשכנז שטעלט זיך דער ווינט.

קיין אשכנז לויפט דער ווינט פריער —
דארט האט מען צום גאז־אויוון געשלעפט אויף א פיר,
אהין פארטראגט דער ווינט מער ווי איין טרער,
דאס געפעק מיט טרערן איז פאר דעם ווינט ניט שווער.

א צוריקגעמישט בלאט איז דאס פעלד מיט די שטיינער —
העלפט די מאמע אפרייניקן די שטיינער פון פעלד,
די מאמע מישט צוריק דאס בלאט,
מיט פרייד פאלט א שטילע טרער ...

דעם טרעגערס פרייד

(סאנעט)

(געווידמעט דר. ה. שאו און פרוי)

פרייד און טרויער האבן דעם טרעגער באגלייט אפילו אין שלאף —
בייטאג האט ער געטראגן די לאסט צו דער מויער צוגעבונדן מיט א שטריק,
מיט דער לאסט איז ער געגאנגען אהין און צוריק.
אין חלום האט ער געזען די פאפירענע בריק —
אידן גייען קיין ארץ ישראל און קומען ניט צוריק,
דער טרויער איז פארשוואונדן און געבליבן איז די פרייד,
פון דעם שטריק איז געווארן א קייט,
דער טרעגער האט געטרונקען און געגעסן —
ער איז געווען פריילעך,
דער אויבערשטער האט אין אים ניט פארגעסן.
דער טרעגער א איד איז א ריז —
האט ער צוגעצויגן די פאפירענע בריק צו זיינע פיס,
און ער האט זי צוגעבונדן מיט דעם שטריק,
צו קענען גיין קיין ארץ ישראל און קיינמאל ניט גייען אויף צוריק ...

דאס ליד פון צארן

צארן ברעכט אויס פון ביידע זייטן —
ס'צערנט דער אראבער,
צערנעז טוט דער איד,
ייהאד* שרייט דער אראבער,
צו שלום רופט דער איד.

נאסער איז א מילדער מחותן —
אין בדן גיט ער פופציק טויזנט טויטע,
איין טויטן וויל ניט געבן דער איד,
ס'בלאזט דער ווינט אויף דעם ראד פון דער מיל,
מ'קען זיך באגיין אן דעם שפיל.

א שלעכטער שפילער איז גאמאל אבדול נאסער —
ער שטעלט אין קאן די אראבער,
דער ים האלט גרייט פאר זיי דאס וואסער.

דער גערעכטער וועג איז אין ים־סוף —
ער האט זיך געשפאלטן און דורכגעלאזט די קנעכט,
ישראל איז געגאנגען דורך דעם וואסער,
דעם וועג פארשטעלן קען ניט גאמאל אבדול נאסער.

היינט שיקט ישראל אירע העלדן מיט די שפיזן אין די הענט —
פייער קען א פליץ טאן ביי דער גרעניץ ביי דעם וואסער,
ס'איז דער פלאם וואס נעמט ארום און ברענט.

דער איד שטרעקט אויס די האנט —
איך בין דער העלד פון שלום ניט פון זיג,
די שפיז און בטחון שיצן מיין לאנד,
איך רוף צו פרידן ניט צו קריג ...

*היליקע מלחמה.

דער נס פון די ניסים

(געווידמעט שמואל גאלדשמידט)

ארימע מדבר־מענטשן טאר מען ניט טרייבן אין דער שלאכט —
גליקן טאר מען זיי ניט צוזאגן,
אזא זאך טאר מען ניט טאן,
זיי האבן געוואלט און ניט געקענט זיך שלאגן,
זיי האבן געלאזט פאלן זייער פאן.

די קאנאנען וועט מען ניט פירן מער אין סיני —
ניט די עגיפטער, ניט זייערע פריינט,
זיי וועלן געדענקן דעם נעכטן,
זיי וועלן היטן דעם היינט.

די וועלן מער ניט גיין אין דער שלאכט מיט ישראל —
ניט אויף דער וואר, און ניט אין חלום,
זיי וועלן ניט אנהייבן א שלאכט צום פערטן מאל,
ארבעטן וועלן זיי לערנען, ווי מ'לערנט אין ישראל,
זיי וועלן היטן דעם שלום,
היטן וועלן זיי דעם שלום אויף די בערג,
דעם שלום וועלן זיי היטן אין טאל.

די אראבער האט מען געפירט אנצופאלן אויף גרעניצן צו צווי מיטאמאל —
דאס איז געווען כ"ו איר,
אין דעם יאר תשכ"ז,
אנגעפאלן זענען עגיפטן, ירדן, איראק און סיריע,
קואוייט איז אנגעפאלן און אלזשיר.

די שונאים זענען געשלאגן געווארן יעדער באזונדער —
געצונדן די טאנקן מיט מינען,
געשעדיקט זייערע פלימאשינען אויף דער ערד,
מ'האט זיי געזוכט און מ'האט זיי געפונען;
די ישראל סאלדאטן האבן באוויזן וואונדער.

די אראבער די ברידער וועלן די מלחמה ניט פארגעסן —
אין דער שלאכט האבן זיי געזען די העלדן,
זיי האבן געזען דעם נס פון די ניסים.

מ'האט געוואונען די שלאכט פאר דעם כותל מערבי —
אין אלט ירושלים האבן די העלדן געזען דעם נס.
דער פעלד־רב האט געבלאזן אין שופר,
דער מאנדלבוים טויער איז מער ניט פארמאכט,
די שלאכט האט זיך געענדיקט דאנערשטיק פארנאכט.

די העלדן זענען אהיימגעקומען אויף שבת —
זיי זענען געגאנגען דאווענען און האבן ג'אט געלויבט,
געלויבט ג'אט פאר דעם נס פון די ניסים ...
ס'איז געווען דער שבת פון די שבתים ...

איר זאלט קיינמאל מער ניט זיין קיין קנעכט

(געווידמעט מר. שלמה זלמן שרגאי)

(סאנעט)

רופט צענויף די זין און די טעכטער — זיי זאלן זיין גרייט
מיט זיי זאלן מיטקומען זייערע קינדער,
געווען האט דער גערעכטער, און מיר גייען איבערעדן די רייד,
דערציילן וועלן מיר פון די אמאליקע וואונדער.
געזאגט האט יהושע, דאס הויז וועט איר דארט בויען מיט רעכט —
משה האט איבערגעלאזט א ירושה זיין פאלק,
איר זאלט קיינמאל מער ניט זיין קיין קנעכט,
ווער ס'איז געבליבן אין מצרים, דער האט געלעבט אין בושה.
אין גלות צו בלייבן איז א מיאוסע ירושה —
דאס לאנד איז אויך אייך באשערט,
ניט באשערט איז אייך צו לעבן אויף דער אייגענער ערד.
קלאפט צוריק אן די מזוזה, וואס איר האט אראפגענומען פון דער טיר —
דער נביא וועט פארבייגיין פאר דיר,
ער וועט אפטרעטן אין הויז, ווי ער האט אפגעטרעטן פריער ...

אין ווייסן ליכט

פאסטאראלע — (געווידמעט מאטל בורשטין)

הייניקן חודש האט אונזער שכן געהאט א גאסט —
פון דעם גלות איז געקומען צופארן א קרוב,
געפעלט אים זייער די קבוצה אין לאנד,
ער וויל אז אלע גלות־אידן זאלן קומען צופארן,
זיי זאלן זיך דא באזעצן און זאלן צולייגן א האנט.

זאלן זיי זען דעם ים־ברעג פון תל אביב —
די גרויסע בערג וואס רינגלען ארום ירושלים,
זאלן זיי זען דעם ים המלח און אילת,
כאפן א בליק אויף די גערטענער אין חיפה,
זאלן זיי זען דעם אדלער אויף די שטיינער,
זאלן זיי זען די בחורים און די מיידלעך,
וואס זיצן אין שאטן פון די עוקאליפטוס ביימער.

שטייט אויף אונזער שכן ארום פיר פארטאג —
גייט ער מיט דעם קרוב אין פעלד אריין,
דער שכן שנייד די תבואה,
דער קרוב בינד די בונטלעך.

זיי זענען דארט ניט אליין —
די פייגל און די טויבן האלטן זיך אין איין דרייען,
שטעלט דער קרוב אויף די בונטלעך,
צופליען זיך די פייגל און שטעלן זיך אויף דעם שטיין.

דער קרוב ארבעט מיט גרויס כוונה —
דאס לאנד און די שפע איז פון ג.אט א מתנה,
גייט ער ברענגען וואסער אינם קרוגל,
פליט גראד אן דער אדלער און ציט צונויף די פליגל.

ס'איז ציט צו גייען עסן אנבייסן —
בלי נדר מארגן וועט מען ווידער ארויסגיין צו דער ארבעט,
מ'וועט פארזוכן די טרויבן פאר.א שהחיינו און זיי רייסן,
מעכטיק איז די זון און די פליגן בייסן ...

בייט ניט איבער דיין מלבוש

פון דיין מלבוש זאלסטו דיך ניט שיידן —
ס'האט צוגעדעקט דיין נאקעטקייט,
א ירושה פון דעם זיידן,
די נאקעטקייט האט זיך אנגעהויבן אין גן עדן.

דאס מלבוש האסטו אויסגעטאן אונטער דער פארמאכטער טיר —
ביטערע צרות איז דאס מלבוש זיך אויסגעשטאנען,
מ'האט אים אנגעגייט די געלע לאטע,
דאס מלבוש האט מען געריסן פון דעם טאטן,
געריסן האט מען דאס מלבוש פון דער מאמען,
דיך האט מען אין גאז־אויוון פארברענט,
פון דעם מלבוש איז געווארן א שמאטע.

היינט ביסטו א העלד פונדאסניי —
דיין שטאלץ איז שטארקער ווי דאס מלבוש,
דער נס איז ביי,
דעם נס דערציילן די ברידער די חכמים,
מ'וועט דעם נס דיר גלויבן,
טראג דיין מלבוש געזונטערהייט,
מ'וועט דיין מלבוש מער ניט רויבן.

ס'איז דער נס פון מלביש ערמים . .

דבורה איז געקומען צו פליען

(געווידמעט דעם דיכטער יעקב גלאטשטיין)

די פליערקע דבורה איז אין עראפלאן אוועק צום פראנט —
אין דער מדבר סיני האט זי זיך אראפגעלאזט באך האלבער נאכט,
די שלאכט אליין — אן אמת — ווי צוגעטראכט אין א ליד,
אראבישע סאלדאטן זיינען אנטלאפן, ווי דערשראקענע היבער,
ישראל סאלדאטן האבן געבראכט צו פירן א געפאנגענעם, עגיפטישן גענעראל
מיט זיינע דינער:
ער האט אויסגעזען אפגעשוואכט און איז געווען מיד.

די פליערקע דבורה האט זיך דערמאנט אין דעם גענעראל סיסרא —
א מפלה האט ער געליטן ביים הר תבור,
די מאמע האט אים דערווארט און די אויגן אויסגעקוקט,
קומען וועט דער זון, ער וועט קומען מיט א סך רויב פון דער שלאכט,
מיטברענגען וועט ער א מיידל, צוויי מיידלעך,
טייערע געוואנטן וועט ער ברענגען פון שיינע פארבן,
זי האט זיך ניט גערעכט אז ער וועט אונטערוועגס שטארבן.

די פליערקע דבורה האט קיין צייט ניט פארלוירן —
זי איז אנגעפלויגן קיין עזה,
און עגיפטערקע איז זי איבערגעגאנגען מיט א פולן קרוג וואסער,
א סימן, אז נאך א מפלה וועט ליידן גאמאל אבדול נאסער.

שרעק דיך ניט שוועסטער —
איך קום באפרייען דיך פון ארעמקייט און בויט,
דאס פאלק וועל איך משפטן גערעכט, ווי געמשפט איך האב פריער,
דו וועסט צו דער זעט האבן דיין ברויט,
און א מלבוש פון גאט א מתנה,
דיינע קינדער וועלן אריינגיין און ארויסגיין דורך אן אפענער טיר . . .

אן אראבער פון על אריש

(געווידמעט דעם דיכטער אברהם סוצקעווער)

פון די קיבוצים איז מען געגאנגען צוריקשלאגן דעם שונא —
ניט לאזן ארומריגלען דאס לאנד,
ניט לאזן רויבן די היים און דאס פעלד,
ניט לאזן רויבן די שאף און די רינדער,
ניט לאזן באפאלן די מאמעס און די קינדער.

יעל האט זיך געזעגנט מיט אלע אין קיבוץ ראש פינה —
מיט דעם אויפגאנג פון דער לבנה איז זי געגאנגען אין דער שלאכט,
אין סיני האבן די קוילן אויפגעבליצט מיט פייער און זיך געלאשן,
יעל האט זיך געררוקט אויף דעם זאמד מיט דער ביקס אין די הענט,
זי האט ניט געשאסן.

דער שונא איז געלעגן פארחלשט און דערשראקן —
אן אראבער פון על אריש,
ער האט א ווייב און א קינד,
ער האט ניט קיין שאף, ניט קיין פעלד, ניט קיין רינד.

יעל האט אים דערלאנגט וואסער א שאל —
זי האט פארשריבן זיין נאמען,
און פון זיין ביקס איר צאל,
זי האט געהייסן דעם אראבער זיך אומקערן צו זיין ווייב און צו זיין קינד.

זי האט אוועקגעשיקט א רעפארט צו גענעראל משה דיין —
יעל האט צוגעשריבן:
איך האב ניט געהאנדלט באריש,
אן אראבער געפאנגען און אים אהיימגעשיקט קיין על אריש.
יום כ״ח אייר, תשכ״ז ...

אויפן וועג קיין בית-לחם

(סאנעט)

(געווידמעט אביגדור שייקאוויטש)

דער שונא האט אויפגעהערט צו קעמפן אין דער אלטער שטאט —
ער האט זיך צוריקגעצויגן און געווארן פריי איז דער טויער.

דורכמאשירט ירושלים האט דער אידישער העלד —
און ער איז געגאנגען אויף דעם וועג קיין בית־לחם און ניט אנגערירט די ביקס —

געגאנגען איז ער באפרייען א הייליקן קבר אין לאנד —
ווי באפרייט ער האט אין ירושלים די הייליקע וואנט.

אונטערוועגס האט דעם העלד א קלינג געטאן אין אויער —
נבוזרדן האט געטריבן די אידן אין גלות אריך,
זענען זיי פארבייגעגאנגען ביי דער מוטער רחל׳ס קבר,
און זיי האבן געוויינט און זיי האבן געשריגן.

ביי דער מוטער רחל׳ס קבר איז א שטיין געליגן —
האט דער העלד גערוהט און געדאנקט ג-אט פאר דעם ריינעם זיג פון די זיגן.

פון דעם אמאליקן בעכטן דער טרויער, איז אין פעלד געווארן פרייליכע וואר —
דער אידישער העלד איז דעם גאנג איצט געגאנגען איינמאל און טויזנטער יאר ...

דאס אייביקע ליד

(געווידמעט אברהם שולמאן)

באהעפטן זיך בלעטלעך אויף די צווייגן, קומט צו זי דער פויגל זינגען —
קען דער פויגל איצט נים שווייגן, ווען די בלעטלעך ווערן גרין,
זינגט דער פויגל צו א פויגל אויף א צווייגל,
ער פליט אהער, ער פליט אהין.

הויבט אין דרויסן אן שאריען —
קען דער פויגל ערשט נים רוען,
פארדריסט מיך זיין געזאנג —
שטייט דער פויגל אויף דעם צווייגל און הוידעט זיך מיט דעם ריטל,
ווער איך בייז און ווארף אים צו א בטול.

איך שיק מיין ווארט אים, אויף א בלויען קוויטל —
ווייס דאס ווארט,
דאס קוויטל בלוי,
געשריבן האב איך אזוי:

וואש דיר די הענט —
וואש דיר די פליגל,
מיין ברודער איז געקומען פון דער פרעמד,
אין ליכט, ווי אין שפיגל,
מיין ברודער איז פארברענט.

זיך בערגל אין פעלד איז באגאסן מיט טוי —
זינג צו דעם מאן און זינג צו דער פרוי,
זינג צו דעם ברודער דעם העלד,
די ערד האט אים צוגעדעקט אויף א פרעמדן פעלד ...

די אטאמישע מאמע

פרעגט נים צי ס׳איז ווארהאפטיק דאס אנגעזאגטע —
יעדער ווייסט אין וואס ס׳האנדלט זיך,
מ׳האט די וועלט טיף טייער אין דער ערד,
דאס גאנצע עסק, מ׳שטיינסגעזאגט, האט גארנים קיין ווערט.

די אטאמישע מאמע שטייט גרייט —
א מעוברת׳טע, ס׳האט איר גארנים פארשאט,
אפגעהיט איז זי אן א שפרענקעלע,
אזוי ווי די מאמע האט זי געהאט.

לויף טאכטער און באוויז א נס —
פלי אוועק אין א גוטער שעה,
זאל די וועלט חרוב ווערן אין איין מעת לעת,
מ׳ווייסט שוין דארט, אז דו ביסט דא.

ווי סדום ליגט איבערגעקערט די שטאט —
ס׳איז שיער נים שטיין געבליבן דאס ראד.

אין סאטעליטן־שפעקטיוו האט מען געזען מת אויף מת —
מ׳האט נים געציילט די טויטע מאמעס,
נים געציילט האט מען די טויטע קינדער,
דארט זענען נים געשען קיין וואונדער.

טוט אכטינק, אז די וועלט זאל אומגאנצן נים ווערן שווארץ —
אין א האלבער שעה ארום קען מען ווידער אוועקשיקן די אטאמישע מאמע,
זי וועט לויפן אומברענגען די איבעריקע שטעט, און זיך קילן דאס הארץ ...

עמך — שער און אייזן

(סאנעט)

(געווידמעט דעם דיכטער א. נ. שטענצל)

איך נעם דיין האנט און טרינק צו דיר לחיים —
זאל מיט פרייד פול ווערן דער בעכער,
דאס געזאנג אינאיינעם שטייגט העכער.

דו האסט דיין ליד געזונגען צו עמך—שער און אייזן —
הייליק איז פאר עמך געווען דאס אידישע אות,
אומגעקומען איז עמך—שער און אייזן,
פארברענט געווארן אין דער גאז־קאמער אונטער ריגל און שלאס.

איך נעם דיין האנט און טרינק צו דיר לחיים —
דעם קידוש־בעכער טאר מען ניט פארשעמען,
מיר טרינקן לחיים צו גאנץ ישראל און צו גאנץ ירושלים.

זינג דיין ליד אויך צו די אידן אין רייסן —
דיין ליד וועט גרייכן אויב ניט נאך העכער,
זינג — יום זה לישראל אורה ושמחה,
עמך—שער און אייזן — צו דיר איז געהויבן דער בעכער . . .

א מתנה פאר א בעל יובל

(סאנעט)

מ׳גייט אנטקעגן דער רעוואלוציע מיט ליוב און מיט געזאנג —
דאס יאר איז דער פופציקסטער אקטאבער,
מיט די פראלעטאריער פון אלע לענדער קום איך פון ישראל מיין לאנד,
און איך ברענג פון דער טאכטער פון דער רעוואלוציע א גרוס דער מאמען.

מיר זענען קרובים און מחותנים —
די טאכטער איז געגאנגען אין דער מאמעס דרכים,
זי איז פריי און איר קיישל איז פול מיט צייטיקע ענבים.

מיר גייען אנטקעגן מיט פרייד דעם יובל פון דער רעוואלוציע —
דאס פופציקסטע יאר איז א הייליק יאר,
אין יאר פון יובל איז יעדער פריי אין לאנד,
האלט פריי דעם וועג און מאך ברייט אויף דעם טויער,
זאל יעדער גייען און קומען צו זיין משפחה,
באפריי די אידן און לאז זיי ארויסגיין אין יאר פון יובל,
נאך זיבן מאל זיבן יאר זאל גאנץ בלייבן דאס אויר.

א היינט-צייטיקע פאסטאראלע

(געווידמעט סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד)

דאס איז זיין דרך אין א פראסטן גאנצפרי —
ער האלט זיך פארכטיק ביים וועג,
אונטער אים גייט די קו,
אויסצומיידן די באמבעס אין פעלד.

ער שטעלט זיך אפ ביי א בוים און הארכט —
אין דרויסן איז הייס,
די קו עסט דאס גראז,
און ער עסט די רייז.

אפגעגעסן דאס מאלצייט —
גייט ער שווימען אין געלן טייך,
רואיק קוועלט דאס וואסער,
מיד ציטערט די לאטוס בלום, שטיל און בלייך.

דערנאך טרייבט ער אהיים די קו —
ער גייט פארויס,
אונטער אים גייט זי,
נאר די באמבע האט געטראפן אין הויז.

חרוב איז געווארן די שטאל פון דער קו —
אין א וויסטן גאנצפרי ...

דו און דיין אייביקייט

דיין אייביקייט קענסטו דערלאנגען מיט דער האנט —
אזוי נאענט איז זי,
דו דארפסט זי נאר דערקענען,
זי האט זיך ליב צו פארשטעלן,
פאר א ליכט וואס קען ברענען,
באלויכטן דעם וועג צו דיין לאנד.

דיין אייביקייט קענסטו דערלאנגען מיט דער האנט —
דארפסט דיך ניט בוקן, ניט בייגן,
שטיי פעסט אויף די פיס,
א איד ביסטו א ריז,
א ריז ביי דיר אין לאנד.

דיין אייביקייט קענסטו דערלאנגען מיט דער האנט —
מעשים טובים קענען זייער שטעטל אלייןביישטיין,
צו הילף קומט די שבועה ניט צו פארגיסן קיין בלוט,
אין דיין געשטאלט דארף דער מענטש זיין גוט,
לויט דעם געבאט פון דיין לאנד.

דיין אייביקייט קענסטו דערלאנגען מיט דער האנט —
שפאן אריבער די שאטנס אין אונטערשיין,
אין מארגן־ליכט זאלן דיינע שאטנס זיין מיט דיר,
דיין אייביקייט קומט צו דיין טיר ...

אלע זאלן הערן

אין גלות האסטו די צייט פארצייכנט יאר נאך יאר —
ניט צו פארגעסן ווען דער גלות האט זיך אנגעהויבן,
אין יענע טעג האבן אידן ניט געשניטן די טרויבן.

געצויגן האט זיך דער גלות יאר נאך יאר —
געקומען איז פלוצלינג זיין סוף,
אין ניינצנהונדערט און אכט און פירציקסטן יאר.

געבליבן שטיין איז דער נביא ווארטן פאר דיין טיר —
וו געווארט דו האסט אויף אים יאר נאך יאר,
דו האסט פאר אים אפגעלאזט די טיר.

פארמאך די טיר אין גלות —
זאג א גוטן טאג אויף א הויך קול,
אלע זאלן הערן אין גלות.

פון דעם גלות גיי ארויס וואס פריער —
דער נביא וועט אוועקגיין פון דיין טיר,
ער וועט היטן דיינע טריט.

אהיים מעגט איר אנקומען שפעט אין דער נאכט —
איינגעהילט אין זילבער וועסטו טרעפן דיין לאנד,
בלאע שאטנס ביים ים און ביים ראנד.

אנקומען קענט איר מיט דעם ליכטיקן באגינען —
איינגעהילט אין גאלד וועסטו טרעפן די בערג, און די סטאדעס ביים ראנד,
דו קומסט העלפן בויען און היטן דאס אייגענע לאנד . .

דאס גאלדענע בוך

(געווידמעט דעם קריטיקער משה גראס־צימערמאן צו זיין 75־טן יובל)

קעמפער און העלדן זענען פארשריבן אין גאלדענעם בוך —
גוטע אידן, חכמים און גיבורים,
שטארקע אידן, ווי די דעמבעס, נביאים צווישן פויערים.

דעם גלות האבן זיי געווארפן פון דעם רוקן —
בחורים און מיידלעך האבן אויך אזוי געטאן,
קיין ארץ ישראל איז געפארן ניט נאר דער זקן.

אין גאלדענעם בוך זענען די בלעטער פול מיט כבוד —
דו ביסט א שותף צו דעם כבוד פון א קרוב פון א פעטער,
די דעמבעס קען די האק ניט האקן פון די גאלדענע בלעטער.

קעמפער און העלדן זענען פארשריבן אין גאלדענעם בוך —
זיי האבן געקעמפט פאר די בערג, פאר דעם ים,
פאר דער מדבר האבן זיי געקעמפט און פאר דעם שטאם.

דער איד האט אויפגעהערט צו פרעגן —
זעט מען שונאים אויף די וועגן?
ער אקערט היינט זיין פעלד און בעט — פאלן זאל א רעגן.

דאס גאלדענע בוך לייג צו צו דיין הארץ —
זאלן זיי, דאס הארץ און די בלעטער זיך אפגעבן שלום,
אין ישראל וואקסן העלדן היינט, דער גלות איז א חלום . .

אי־זו לחרב

געשטעלט איז די לייטער פון יעקב׳ס חלום,
פאר דיין תפילה איר העכסטער שטאפל,
אין נייעם יאר אויסצובעטן דעם שלום!

דו קאנסט באווייזן וואונדער —
קענסט בעטן פאר דעם שלום פון די פעלקער,
דו קענסט בעטן פאר דיר באזונדער;

די לייטער איז געשטעלט געווארן אויף דיין ערד —
אין דיין האנט איז דער שופר,
זאל דיין תפילה ברעכן די מאכט פון דער שווערד;

דאס וועט זיין דאס גרויסע וואונדער —
פאר די פעלקער א ברכה,
א ברכה פאר דיר באזונדער . . .

עם הספר

(אינספירירט פון די נאבעל לאוראטן 1966)

איך האב געבראכט א מתנה מיין פאלק —
פאר חכמה און תורה האב איך א מתנה געבראכט,
א שליח בין איך פון מיין פאלק,
פון דעם עם הספר א סופר דער שליח.

איך חזר׳איבער מיינע רייד —
דעם פאלקס ירושה טראג איך,
א ירושה פון נביאים און פון זינגער,
מלכים, גיבורים און זינגער.

איך חזר׳איבער מיינע רייד —
געריעט האב איך און די וועלט האט געהערט.
א מלך האט מיר אפגעגעבן שלום,
חכמים פון די פעלקער האבן מיר אנטקעגנגעטראגן שלום,
א סעודה איז געווען און א שמחה.

איך האב דעם מלך געבראכט פון מיין פאלק א מתנה —
א ברכה פון ירושלים,
איך האב א ברכה געמאכט פאר א מתנה צו די פעלקער,
מיר האבן אויף דער שמחה געוואונטשן שלום פאר די פעלקער,
מיר האבן געטרונקן לחיים . . .

זאלסט ציילן די ווערטער

דיין ליד צו גאט זאל זיין געשריבן מיט די שטילסטע רייד —
זאלסט ציילן די ווערטער,
ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי,
ס׳איז דא א שכל דערביי.

דו שפרייטסט די שטילקייט אויף דעם וועג פאר גאט —
שטעל אן דאס אויער וועסטו הערן דעם שטילסטן טראט.

שטייט אין חלום צוקאפנס דיר די לייטער —
גיי ארויף הויך און העכער,
עס וועט ניט וואקלען זיך דיין טראט.

האלט אין חלום פעסט די לייטער —
האלט זי פעסט אין דער האנט.

מיט אויפגעוואכטן בליק קוק צו דיין טיר —
געשפרייט דעם וועג האט גאט פאר דיר,
הער עס גייט דער שטילסטער טראט,
צו אלע עקן פון דיין לאנד.

א פאלק פון יושר און פון זינגער

לאמיר אויסשטרעקן א האנט צו די פעלקער —
א האנט מיט אלע פינף פינגער,
איין פינגער, צוויי פינגער,
פאלגן ניט די האנט דריי פינגער.

זאל דאס פאלק שטארקן זיינע כוחות —
א פאלק פון יושר און פון זינגער,
דארף דערלאנגען א האנט מיט אלע פונף פינגער.

אונזערע פינגער ווי אונזערע ברידער זענען שטייף —
איין פינגער, צווי פינגער,
דרייען זיך דריי פינגער קיילעכדיק אוועק, ווי א רייף.

לאמיר אויסשטרעקן א האנט צו אונזערע ברידער —
די ברידער פון יענער זייט לאנד,
דאס איז דאס געבאט פון דער שעה,
קומט פון די תפוצות און העלפט אונז צו.

מיר זענען א פאלק פון יושר און פון זינגער —
מיר דערלאנגען א שטארקע האנט,
די פעלקער וואס לעבן אין נויט,
פעלקער געפלאגטע פון נויט און פון הונגער . . .

שובו שובו

קער דיך אום פון דעם גלות קער דיך אום —
צו דיין ערד קער דיך אום,
ס'איז דאס יאר פינף טויזנט זיבן הונדערט צוואנציק און זיבן.

ביסט אויסגעווען די גאנצע וועלט —
אין מצרים ביסטו געווען,
ביסט געווען אין בבל און אין רוים,
אין שפאניע ביסטו געווען,
דו האסט דעם גאז־אויוון געזען.

קער דיך אום פון דעם גלות קער דיך אום —
דו וועסט ניט ווערן מער געטריבן,
ניט פון ענגלאנד און ניט פון פראנקרייך,
ניט פון פוילן און ניט פון רוסלאנד,
ניט פון דייטשלאנד וועסטו ווערן געטריבן.

קער דיך אום פון דעם גלות קער דיך אום —
דיין ערד טראגט אנטקעגן דיר די ברכה,
היינט איז פריילעך אין פעלד.
דער חתן פירט די כלה צו זיין נייעם געצעלט.

דיין ליד איז המשך

שאר אוועק די געפאלענע ווערטער פאר דיין טיר —
די געפאלענע בלעטער שאר אוועק,
און זינג דיין ליד פון ריינעם שכל,
זינג פאר אנדערע און זינג פאר דיר.

די גבורה פון ים טראגט דיין ליד —
דיין ליד טראגט די גבורה פון דעם בארג,
דער צייכן איז געבליבן אויף דיין טיר,
דו ביסט געבליבן דער אייביקער איד.

משה האט ביים ים געזונגען זיין ליד —
דבורה האט געזונגען פון דעם זיג ביים בארג,
דער אייביקער איד איז שטארקער ווי שטארק.

דאס ליד פון דעם אייביקן איד איז קיום —
זיין ליד איז המשך,
ס'איז דאס אייביקע ליד געבליבן פון נביאים.

זינג דיין ליד מיט זיי צו דריט —
זינג פון דיין שניטער און פון דיין שניט.

די קליינע אותיות

(געווידמעט חזן שמעון האסס)

מישט אויף דער נביא אין נייעם ספר א בלאט —
א בלאט מיט אידיש קדושדיקע אותיות,
גרויסע אותיות און די קליינע אותיות,
געטראכט האט דער נביא און ער האט געזאגט א פשט.

איינגעזאמלט האבן זיך די נייע קדושים —
איינגעזאמלט האט זיך דאס אש אין טאל,
ווי געזאמלט ס'האבן זיך דארט די ביינער אמאל,
הייליק איז דאס אש און גרויס איז די צאל.

זאלן ארויסקומען די העלדן פונם טאל —
גערופן האט דער נביא ווי גערופן ער האט אמאל,
גיט אפ שלום דעם אידן אין פעלד,
גיט אפ שלום דעם נייעם העלד.

אידיש קדושדיקע אותיות אויסגעשטעלט אין פעלד —
פארשטייט ניט די קליינע אותיות דער נייער העלד,
ער קען ניט לייענען די שריפט פון דעם קדוש, דעם איד,
ער פארשטייט ניט דעם נביא,
ער פארשטייט ניט זיין ליד.

קערט דער נביא זיך אום צוריק צום טאל —
ער קלאגט העכער ווי געקלאגט ער האט אמאל . . .

ערווארט מיט שלעגער אין א ריי

טו זיי א טובה און דערמאן זיי —
דערמאן די מענטשן אין די שטעט,
דערמאן בהמות און פייגל אין פעלד,
מ'גרייט זיך חרוב מאכן די וועלט.

ווארן די פעלקער, ווארן זיי —
אין לאנד קען חרוב ווערן,
חרוב ווערן קענען צוויי,
דו שריי און זיי זאלן הערן.

ער ווארט מיט די שלעגער אין דער ריי —
מען זעט אים ניט ווען ער גייט פארביי,
ער זעט אויס ווייס ווי שניי,
אויף דעם באפעל ווארטן זיי.

טו זיי א טובה און דערמאן זיי —
יענעם, אין ווייסן, קענסטו פון לאנג,
ער האט זיך געהאט צוגעזעצט אויף דער באנק,
שיער, שיער האט ער דיך געשיקט א גאנג.

ער האט זיך געשארט ביי דער וואנט —
ווען ער איז געקומען נענטער צו דער גאז־קאמער,
האט זיך אוועקגעדרייט די האנט,
ס'איז פארשוואונדן דער שאטן פון דער וואנט.

טו זיי א טובה און דערמאן זיי —
געליטן האבן די מענטשן אין די שטעט,
געליטן האבן בהמות און פייגל אין פעלד,
עס איז אן עבירה חרוב צו מאכן די וועלט . . .

שותּפים אין גלות

עפּעס וויל דער איד אין דער תּפוצה —
א שותּף וויל ער זיין מיט זיין ברודער אין דער קבוצה.

אפילו א משל א קרומער מאכט ניט גלייך דעם שכל —
ביידע גלייך שלעפּן פערד דעם וואגן מיט דער משא,
דער איד אין דער תּפוצה מיינט ניט צו זיין א שותּף צו דער קאסע.

ער זעט די קבוצה אין דער תּפוצה —
ער איז ניט אליין,
ער זעט דעם בוים אין גארטן,
חיונה ציט ער פון דער ערד,
וואקסט דער שטאם, וואקסן פּרוכטן גוטע אויף די צווייגן,
דער נביא האט געשווארירן ניט צו שוויגן.

דעם נביא'ס ווערטער פארוואנדלט ער אין אידלשטיינער —
פון די אידלשטיינער מאכט ער זיך א קרוין,
ער זיצט זיך אין דער תּפוצה,
און ער איז א שותּף צו דער קבוצה,
זענען די אידלשטיינער פאר אים א לוין.

אין דער קבוצה עסן קינדער האניג —
און זיי טרינקען מילך פון דער קו,
וואקסן זיי גיבורים פאר דעם לאנד,
גיבורים שטארקע ווי די פעלדזן,
שטארקער ווי פון שטיין די וואנט.

א געזאנג צו די שוועסטער

אין א גוטער שעה פארן אוועק די שוועסטער —
זיי ווילן זיין צווישן די מיידלעך אין לאנד,
שניידן די טרויבן אין די ווייַנגערטנער,
רייסן רויזן אין דער מדבר,
זיי ווילן זיך באדן אין ים אין תל אביב.

די מיידלעך גייען זיי אנטקעגן —
מיט געזאנג אויף די ליפּן,
מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט.

קוקן די שוועסטער —
טרויעריק זענען די אויגן,
זיי האבן ניט אויסגעטאן דעם שלייער,
משפּחה געבליבן געציילטע אויף די פינגער.

די שוועסטער פון גלות זענען היינט ניט די זינגער —
געבליבן הענגען זענען די פידל אויף די ווערבעס,
ביי דער ווייסל, ביי דעם נעסטער.

גייען די מיידלעך אהיים פון דער ארבעט —
גייען אהיים די שוועסטער,
קוקן די בחורים אראפּ פון דער מויער,
פארשוואונדן איז דער שלייער,
פארשוואונדן איז דער טרויער.

דער פאסטוך פארטרייבט די שאף —
ער מאכט צו דעם טויער ...

דערגרייך דאָס און נאָך מער

שטאַרק דיין הארץ און שווער —
וועסט ניט רויבן, ווי עס רויבט דער פויגל,
וועסט דיך ניט בייגן, ווי עס בייגט זיך די בלום,
דערגרייך דאָס און נאָך מער.

שטאַרק דיין הארץ און שווער —
וועסט ניט שרעקן, ווי דער ווינט שרעקט די בלום,
ווי סע פרעסן איר אָפּ דעם קאָפּ,
די פליג און די בין מיט א זום,
דערגרייך דאָס און נאָך מער.

שטאַרק דיין הארץ און שווער —
צו ווערן געריבט פון א קינד׳ס א טרער,
דערגרייך דאָס און נאָך מער.

שטאַרק דיין הארץ און שווער —
וועסט ניט הייבן דאָס געווער,
דערגרייך דאָס און נאָך מער.

שטאַרק דיין הארץ און שווער —
דו ווילסט זיין דער שליח פון שלום,
דאָס דערגרייך און ניט מער ...

ער קומט היילן דיינע וואונדן

(געווידמעט רבי דר. ה. ראַבינאָוויטש)

דיר גייט אנטקעגן דיין פאָטער —
נעמען דיך ווי א קינד ביי דער האנט,
איינראַמען דיר אין אויער,
דיך אָפּפירן אהיים,
ווייזן דיר ווי מען בויט די מויער.

ער קען דעם טעם פון אפריכטן גלות —
דאָ טאָרסטו דיך ניט זעצן,
דאָרט טאָרסטו ניט זיצן,
דאָ פאַל און דאָרט שטיי,
דיינע וואונדן אייטערן — טוען וויי.

דיר גייט אנטקעגן דער פאָטער —
נעמען דיך ווי א קינד ביי דער האנט,
פירן דיך קיין ציון,
דאָרט זאָלסטו לעבן,
דאָרט זאָלסטו רוען.

זאָלסט דיך ניט אויספירן ווי א קינד —
ניט ארויסרייסן זיך פון דעם פאָטערס האנט,
דער פאָטער דער פירער פירט מיט פאַרשטאַנד,
דאָרט וועט ער היילן דיינע וואונדן,
היילן זיי ביי דיר אין לאַנד.

זיינע קינדער וועלן וואַקסן גיבורים —
ווי עס וואַקסן די קינדער פון דיינע ברידער,
שטאַרקער וועט ווערן די וואַנט,
העכער וועט זיך טראָגן דאָס געזאַנג,
דאָס געזאַנג פון דעם ליד פון די לידער ...

דאס אידישע ליד

לערנט זיי לייענען איך א ליד —
א ליד געשריבן פון א איד.

ניט א ליד מיט לידער גלייך —
וואקסט ארויס א אידיש ליד.

א ליד געשריבן פון אן איד —
אויסגעצייטיקט האט זיך אין געמיט.

עס איז דער ציטער אין דעם ליד —
דער איינציקער סימן פון א אידיש ליד.

מיט דעם כוח פון זיין לאנד —
גייט ארום דאס ליד.

דאס ליד געשריבן פון א איד —
טראגט דעם ציטער פון דעם נביא אין געמיט.

געשריבן האט דער נביא מיט א ברען זיין ליד —
עס איז דער ברען, דער כוח פון דעם ליד.

פון זיין ליד, דעם ברען און דעם ציטער —
טראגט דער דיכטער, אין יעדן גליד.

דורכגעברענט דאס ליד אין זיין געמיט —
פארשרייבט דער דיכטער, דעם ציטער פון זיין ליד.

ווער זאל דיר מוחל זיין?

א שפאן דער מהלך צו יענער זייט גרעניץ —
אלעס שטייט אין קאן,
אין דער מעשה פירסטו אריבער די גרעניץ,
סע גייט קיינעם ניט אן.

אין דער מעשה מאכסטו דעם אידן אויסצודרייען —
ער קען ניט אנקלאגן דיך אין געריכט,
דו הייסט אים אין דער מעשה זיצן, דו הייסט אים שטייען,
דו הייסט אים גיין אומגעריכט.

דו טראכסט אויס אן אויסטערליש באשעפעניש —
מיאוס באשריבן איז דער איד אין דיין מעשה,
אויף דער גרעניץ האט מען געכאפט דיך באשעפעניש,
וואס זאל מען טאן מיט דעם אונטערטרייבער אין דער מעשה?

דער איד אין דער מעשה קען דיר גארניט טאן —
דער איד אין גאס האט זיך אויך געלאזט כאפן,
געכאפט האט אים ניט די פעדער, נאר די ביקס,
א סך מענטשן האבן אנגעשטעלט ביקס נאך ביקס.

ער האט דעם אידן געטריבן אין דער קאמער מיט גאז —
מען האט ניט אנגעטאן אים די מאסקע,
דו כאפסט דעם אידן מיט אן אנגעלאדענער פען, ניט אין גאס,
דו פירסט אים איבער דער גרעניץ אין א מאסקע.

דער איד אין דיין מעשה גייט דיר נאך פון קאמער צו קאמער —
דו ביזט דער אונטערטרייבער אליין,
דערלאנגסט דעם אקס צום זעץ פון א האמער,
ווער זאל דיר מוחל זיין?...

אן אויסגעהוילט הארץ

אן אויסגעהוילט הארץ איז דאס ליד —
א הארץ מיט פארדראס, א הארץ מיט לעכער,
שרעק זענען באפאלן דעם איד,
די שרעק האט זיך געטראגן פון די דעכער.

געשוויגן האט דער איד —
אין הארץ זענען טיפער געווארן די לעכער,
ביטער ווי גאל איז דאס ליד,
זאל דאס ליד גרייכן אלע פארברעכער.

הענט פון פארברעכער זענען שווארץ —
שווארץ איז דער טאג פון פארברעכן,
ס'רירט ניט דעם פארברעכער ביי'ם הארץ,
גלות־איד נעם און בארעכן.

אויף דירווארט אויפגאנג פון זון —
ברויט צו דער זעט און האניג א סך,
פאר דיר פארביי דעם שטח שרון,
אין תל אביב זעטיק דיר אין כרך.

דארט איז פארנאכט קיל אין דרויסן —
עס שמעקט מיט ים און מיט בלומען,
צווישן אייגענע ביזטו אין גרויסן,
פארזוים ניט אהער צו קומען . .

ניט א שטעטל פונדאסניי

מען בויט א ניי שטעטל ביי אונז אין לאנד —
לויפט א וועג פארביי דעם שטעטל,
שטייט א הויז ביי'ם סאמע ראנד,
דער וועג פירט קיין ירושלים,
מ'קען אויך פארן צו די בערג פון אפרים.

דאס שטעטל וועט זיין ריין ווי גאלד —
ריין ווי ירושלים די הייליקע שטאט,
ניט א שטעטל פונדאסניי,
שטאט און שטעטל זענען דריי,
דער דריטער איז דער סאד.

אין סאד וועט מען לאזן די טיר אפן —
דארט וועט וואקסן פון אל דעם גוטן,
איר וועט האבן אויף וואס צו האפן,
אין שטעטל וועט זיין אויף וואס צו קוקן.

ביי דעם וועג וועט פארבייגייען דער נביא —
ער וועט געוואויר ווערן וואס איר טוט,
דער פאסטוך וועט אויפהייבן דעם קעפ צו'ם נביא,
די קו און דאס פערד וועלן זיך ניט רירן פון ארט,
דער נביא וועט ארייגגייען אין סאד.

פארטיק איז דער דאך איבער דעם הויז —
פונסנייווארט דער מייסטער אין שכנות,
ער ווארט אויף דעם נאגל און אויף דעם האמער,
פול וועלן זיין דער שפייכלער און די קאמער,
אין סאד וועט בליען די רויז . . .

קרוע ובלוי

איר זענט דערוואקסענע מענטשן, אמת —
צו קענען בענטשן האט ניט יעדער די זכיה,
צו בענטשן יענע, וואס גייען קרוע ובלוי.

איר זענט דערוואקסענע מענטשן, אמת —
איר זוכט א רעטער פאר דעם מענטשן,
ניט יעדער איז זוכה צו בענטשן.

איר זענט דערוואקסענע מענטשן, אמת —
מ׳דארף ניט שטיין אין די ד׳ אמות פון דעם רשע,
דארט צו שטיין, אין זיינע ד׳ אמות, איז א בושה.

איר זענט דערוואקסענע מענטשן, אמת —
פרעגן קענט איר צי ס׳קומט עפעס גוטעס ארויס,
אז פון טאג צו טאג ווערט דאס רשעות גרעסער ווי גרויס.

איר זענט דערוואקסענע מענטשן, אמת —
עס איז א בושה זיך ארומצוטראגן מיט דעם אמת,
און ניט צולאזן דעם אמת גייען זיין וועג מיטן אמת.

איר זענט דערוואקסענע מענטשן, אמת —
מענטשן פון מענטשן, וואס זענען געווארן זייער אלט,
און האבן זיך ניט ארויסגעדרייט פונ׳ם פינצטערן וואלד.

איר זענט דערוואקסענע מענטשן, אמת —
איר זאלט קענען בענטשן און האבן די זכיה,
צו בענטשן יענע, וואס גייען קרוע ובלוי.

גערעכטיקייט און אמת

די שטארקע האנט וואקסט אויף אונזער ערד —
זי וואקסט און זי היט די גערעכטיקייט און דעם אמת,
דאס איז געווען און דאס איז געבליבן אונזער באגער,
די ברכה זאל אויפגיין אין אונזער לאנד.

דער מאן, דאס ווייב, און די קינדער היטן אונזער ערד —
דער ווייגארטן בליעט, פארזייעט איז דאס פעלד,
געפלאנצט איז דער בוים, עס וואקס דער עפל, עס וואקסט די פלוים,
דער פאסטוך פאשעט די שאף,
ביי דער באליע מיט וועש הוידער זיך די באבע ווי אין שלאף.

אויף אונזער ערד איז געוואקסן דער נביא —
ער האט געאקערט דאס פעלד,
געזייעט און פארזייעט האט ער גערעכטיקייט און אמת,
די גערעכטיקייט און דער אמת זענען די פרייד אין לאנד,
אויף אונזער ערד וואקסט די שטארקע האנט.

שיין איז דער טאג אויף אונזערע בערג —
שיין איז די נאכט איבער אונזערע ימים,
דער ריח פון האניג שמעקט אין פעלד,
אויף אונזער ערד וואקסט דער העלד.

די זון פארפוצט, אויסגעלייגט אויף א טעלער —
א מתנה ברענגט דיר דער טאג,
דו טראגסט אים אנטקעגן די גערעכטיקייט און דעם אמת,
דו טראגסט אויך אנטקעגן די וואג . . .

געוואכט האט נאר איינע — א קו

(געווידמעט חזן שלמה שיין)

געפלויגן איז ער א גאנצע נאכט, געפלויגן —
אנצוקומען אין שטאט אריין גאנץ אין דער פרי.
אין שטאט זענען נאך אלע געשלאפן,
געוואכט האט נאר איינע א קו.

שפאנט דער אורח מיט דעם זעקל —
שפאנט ער רגעץ, ערגעץ שפאנט ער גאנצפרי,
איילן איילט ער צו טרינקן מילך פון דער קו,
טרינקן פרישע מילך מיטוואך גאנצפרי.

מען האט ניט געהערט —
אים אנרירן די ערד,
אין שטאל ביי דער קו.

דער יריד אין אמסטערדאם שטעלט זיך ניט גאנצפרי —
גענומען האט דער אורח ציילן די קי,
ציילן די קי פון יעדן לאנד באזונדער,
פון אלע זיבן לענדער געציילט האט ער דאס פי.

דעם פערטן טאג פון דער וואך —
יום רביעי,
געמאכט האט ער די ברכה מכפר צו זיין פאר די קי.

איצט זיי דו מכפר האט געזאגט דער אורח —
א קרבן פאר א איד וויל איך א קו,
פינף מיליאן אידן,
פינף מיליאן קי.

נעם ניט דאס לעבן —
הרגע ניט גאנצפרי,
האט דעם אורח געענטפערט איינע א קו . . .

די מאמע שטרעקט אויס א האנט

איך זוך די געדעכטע צווישן אייך,
איך זוך זיי אומעטום —
אין מזרח, אין מערב, אין צפון, אין דרום —
אין אלע תפוצות זוך איך זיי.
איך קום צו אייך היים —
מיינע שוועסטער, מיינע ברידער —
אויף אידיש גיט מיר אפ דעם גוט מארגן,
וואונטשן פון הארצן איך וועל אייך —
דריי הונדערט און פונף און זעכציק מאל אזויפיל,
אזוי גרויס איז א גוט יאר.
גוט שבת, גוט יום טוב,

איך וויל אייך זאגן מיינע ליבע —
רוקט אייך ניט אפ,
מיינע שוועסטער,
מיינע ברידער —
דו אויך ניט מיין קינד.

די מאמע שטרעקט אויס א האנט —
גייט אנטקעגן א שאטן,
ער פאלט און צערונט . . .

זעצט אײַך צו דער סעודה

לאָז אָפֿן די טיר פֿון דײַן געצעלט —
דער נביא קומט וואַשן זיך די הענט,
זעצט אײַך צו דער סעודה,
געשמאַק איז דער קאַלטער טרונק אויפֿן טיש,
מילך און האָניק וועט עסן דער נביא,
ער האָט צוגעלייגט א האַנט.
ווען דו האָסט געבויעט דײַן געצעלט,
דער נביא און דו היטן דאָס לאַנד.

דײַן געצעלט איז פֿעסט און באַפֿעסטיקט —
שלום הערשט אין לאַנד,
זאָלן אַלע קומען צו דער טיר פֿון דײַן געצעלט,
דער ווײַטער און דער נאָנטער דורכגייער,
זיי זאָלן וואַשן זיך די הענט,
און זיצן מיט אײַך בײַ דער סעודה.

זעצט אײַך בײַם אָפֿענעם פֿענצטער —
דער וואַלד־ווינט ציט פֿאַרבײַ,
פֿון די וועגן קומען ווינטן,
ווינטן קומען פֿון די סעדער,
פֿון די ווײַנגערטנער קומען ווינטן,
רואיקע ווינטן ציִען צו דײַן געצעלט.

צינד דעם חנוכּה־לאָמפּ —
פֿרײ דיך מיט די געסט,
מיט די שוואַכע און מיט די שטאַרקע,
מאַך פֿאַר זיי פֿול דײַן טיש,
דו ביזט גיט א־בי־וועך,
דער נביא האָט דיך צוריקגעבראַכט אַהער,
ער היט די העלדן און היט די ווינטן,
דער נביא גייט פֿאַרויס,
איר גייט פֿון אונטן ...

פֿריילעך איז די נאַכט

פֿליט אַן די נאַכט אין א טונקל געוואַנט,
שוין שפּאַרט זי אַן הויך העכער און העכער —
געכאַפּט האָט זי די זון בײַ דער האַנט.
געוואָרן איז די זון רויטער,
זיך פֿאַרלוירן פֿאַר איר —
אָט אָט לויפֿט זי אַרונטער פֿון יענער זײַט טיר.
וואַקסט אויס דער פּאַעט,
בײַ דער נאַכט אויפֿן נאַקן —
ער שטרעקט די הענט צו דער זון —
גיב כּוח און לעבען מײַן ליד.
אַנגעקראָכן זענען נאַכטיקע שאָטנס,
געגומען טאַנצן אַרום אים און אַרום איר.
פֿריילעך איז די נאַכט,
הויל איז געוואָרן אין הימעל.
נאַכט איז נאַכט,
שטילער און ווייכער ווערט זי צום דרימל,
לייכט געוועקט ווערט אין שלאָף דער פּאַעט —
עס רודערט בײַ אים אין געמיט.
דרייט זיך די נאַכט און זי וואַכט —
אַפּגענומען האָט זי מיט א פלאַטער זײַן ליד ..

א תפילה פאר דעם שלום פון דער וועלט

זיי וועלן אוועקנעמען דעם שטיין,
אויף דעם שטיין וועלן זיי לאזן קריצן
דעם טאג, דאס יאר,
איין טויזנט ניין הונדערט זעכציק און איין —
געזעצט האט זיך דאמאלס דער לארד אויף דעם שטיין.

דער ווידערשפעניקער לארד,
דער חכם, דער זקן,
מיט צער אין די אויגן.
גערופן האט דער לארד —
זאגט אייך אפ פון דער אטאמישער באמבע,
זאגט אייך אפ אליין ...

געצויגן האבן צו דעם לארד,
געצויגן האבן צו דעם שטיין,
א סך ייינגלעך, א סך מיידלעך,
מאמעס ניט אליין,
געצויגן האט אויך די פאליציי,
געצויגן האבן זיי צו צוויי,
באפעלן דעם לארד,
דער לארד זאל גיין.

דער לארד האט דעם באפעל געהערט —
דער ווידערשפעניקער לארד האט זיך ניט גערירט פון דער ערד,
פאליציי האבן אנגענומען דעם לארד ביי דעם רוקן —
מיר טוען אין תפיסה דיך שיקן.

איז אויפגעשטאנען דער לארד,
דער חכם, דער זקן,
ווי א נביא אויפגעהויבן די בליקן —
געקוקט האט דער לארד צו דעם שטיין.
דער ווידערשפעניקער לארד האט תפילה געטאן,
א תפילה פאר דעם שלום פון דער וועלט —
אין יאר איין טויזנט ניין הונדערט זעכציק און איין . .

כעני בפתח

קוק דער וועלט גלייך אין די אויגן —
די וועלט איז א ראד שטארק אפגעפארן,
א טאפ ארבעס אירע אנגעציילטע יארן.

די זון שטייט כעני בפתח —
דער ים ווערט פארפרוירן,
דער בוים בייגט דעם שטאלצן קאפ.

די חיה שטייט כעני בפתח —
זי איז ניט מער דער העלד,
סע קען חרוב ווערן דאס פעלד.

דער אדלער שטייט כעני בפתח —
דער מענטש קוקט ניט ארויף צו אים,
דעם קאפ אראפגעלאזט טראגט דער פליער מיט דער באמבע.

די אטאם חכמים שטייען כעני בפתח —
אזא פנים האבן די חכמים פון דער מאשין.

די קו און דאס פערד, ווי זיי זעען אויס —
די קו ניט אהער,
דאס פערד ניט אהין.

כעני בפתח שטייט אויך דער פאטער —
מאך אויף די טיר פאר דעם ארימאן,
דער נביא קומט אויסליידזן די וועלט...

ביי דעם גרינעם טיש

עס ווערט דער גלות שווערער ווי א יאך —
אין רוקן דער ביין טוט וויי,
דאס הארץ אויסגעלײדיקט א פוסטער לאך,
ס'קול שטייגט ניט מער צום שריי.

חרובע אידישקייט אינם הויז —
געפאלן הײנט דאס אידישע ווארט,
פארוויאנעט איז די רויז,
ווארט־געוועקס פרעמדער אויף דעם ארט.

ביי דעם גרינעם טיש —
קער דאס פנים צו דער מזרח־וואנט,
דו צאפלסט ווי א פיש,
די רויז געווארפן פון דיין האנט.

ביי דער האנט נעם אן דיין הארץ —
פיר דאס הארץ אין גאס ארויס,
מאך מיט באנד דעם ארעם שווארץ,
דעם שכנס טרייסט פארבעט אין הויז.

טוט אויס די שיך פון יעדענס פיס —
זאל גרינגער ווערן אייך די ערד,
ניטא קיין כוח מער ביי דעם ריז,
זיין געשריי ווערט ניט געהערט..

א רמז...

ניט אלע ווערטער מעגסטו נוצן —
פארבאטן איז דאס ווארט אמת,
טארסט ניט אויף דעם ווארט יושר זיצן,
צושפרייט, חוצפהדיק מיט א רמז.

אידעלע ווערטער ברענג ניט איבער די ליפן —
כאפ דיך ניט אן אין דעם ווארט פרייהייט,
די שטראף איז א שטריק ארום די ריפן,
פאר אויסנוצן דאס ווארט פרייהייט.

ווײסט באדארפן גוט מאכן דעם שאדן —
ווי גרויס ער זאל ניט זיין צווישן ווערטער,
גענומען פון אונטער דעם פארמאכטן לאדן,
גענומען פון פארבאטענע ערטער.

ווערטער האבן מער רעכט ווי דו האסט —
זיי געגעבן האט מען אייביקייט,
די גאנצע רעכט וואס דו האסט,
לאזן אן ערליך ווארט האבן אייביקייט.

נעם דיר דאס גוט אין זינען —
פארשעם ניט די ערליכע ווערטער,
פאל ניט אריין אין מיטנדרינגען,
לאז זיי שוועבן אויף ריינע ערטער,
די פרייע, ערליכע ריינע ווערטער . . .

לאז וויסן דעם ברודער ביי׳ם נעסטער

(געווידמעט יצחק קארן)

לאז וויסן דעם ברודער ביי׳ם נעסטער —
אין מדינת ישראל ביסטו א העלד,
וועגן זון און ים דערציייל דער שוועסטער,
דעם ברודער באשרייב דאס נייע געצעלט.

לאז וויסן דעם ברודער ביי׳ם נעסטער —
אין א דירה א גוטער וואוינסטו ביי׳ם ים,
דארט שפאצירן די ברידער און די שוועסטער,
סע לויפן די קינדער זיך באדן אין ים.

לאז וויסן דעם ברודער ביי׳ם נעסטער —
בארים דיך פאר אים און פאר איר,
אונזער ים איז א לייבליכע שוועסטער,
זי געהער צו מיר, צו אים און צו דיר.

לאז וויסן דעם ברודער ביי׳ם נעסטער —
אין ישראל ביי׳ם איד איז אלעס בסדר,
פרעג ניט און פרעגן זאל ניט די שוועסטער,
די קינדער זיי קומען פון שולע און חדר.

לאז וויסן דעם ברודער ביי׳ם נעסטער —
די קינדער זיי זינגען פון העלדן א ליד,
זיי זינגען דאס ליד צו דיר און דער שוועסטער,
א געזאנג פון גבורה זינגט היינט דער איד . . .

אין דעם ליד לעבן די מעשים

דערציייל ניט וועגן זיך אין דיין ליד —
ניט דיך וויל מען זען, ניט אים, ניט זי,
דורך רייד וויל מען זען ניט נאר איין איד,
מ׳וויל זען דיכטונג פון אידן פון הי . . .

דאס פאלק איז פול מיט מעשים —
מעשים פון אידן ערגעץ אנדערש און הי,
אין דעם ליד לעבן די מעשים,
ניט דו רעדסט פון די מעשים, ניט ער, ניט זי.

דער נביא האט ניט גערעדט נאר פון זיך, און ניט נאר פון הי —
דער נביא האט גערעדט צו די וויבער פון הי און פון אומיטום,
קוכנס באקט איר דער מלכה פון הימל, איר טאנצט מיט דער קו,
ווייל איר רייכערט אויף די דעכער, וועט איר בלייבן שטום.

איר האט געשריבן אייערע לידער פון זיך און פון הי —
אין די שלעכטע און גוטע מעשים האט איר פארגעסן,
איר האט געגעסן די פאשע פון פרעמדע פעלדער, ווי די קי,
אייערע לידער פון זיך און פון הי, האבן זיך דערעסן.

דער ענין איז שוין קיינעם ניט קשה —
עס מיעט זיך קיינער ניט פאר דעם ליד,
דעם ליד האט מען אנגעטאן די בושה,
פארדריסט דאס טאקע ביטער, דעם איד . . .

דער שטאם פירט דעם שטאם פארקערט

קרוינען הייבן זיך פון דער ערד —
עס הייבט זיך דער בוים — די בלום,
דער שטאם איז דעם שטאם ניט באשערט,
דער וועג איז גלייך — ער איז קרום.

אידיש איז דעם איד ניט באשערט —
ניט באשערט איז דעם פרי — דער פרי,
דער מענטש איז דעם מענטש ניט באשערט,
ניט באשערט איז דער קו — די קו.

שטאם נייגט דעם קאפ צו שטאם —
נייגט דעם קאפ — ארום און ארום,
דא איז שטאם, דארט איז שטאם,
שטאם איז דא, דארט — שטאם אומיטום.

עס נייגט דער בוים — נייגט די בלום —
דער שטאם פירט דעם שטאם פארקערט,
דער וועג איז גלייך — ער איז קרום,
אידיש איז דעם איד ניט באשערט.

דער וועג לויפט אהין —
דער וועג לויפט פארקערט,
דער שטאם איז גרין,
אויף שטאם וואקסט די ערד...

קיינער עפנט ניט די טיר

די שכנטע ווארט אין דרויסן פאר דער טיר —
ווערט איר נמאס דאס ווארטן,
זי וויל גייען מעסטן דאס פעלד מיט א פאדעם,
קנייטלעך וויל זי לייגן פיר צו פיר.

די שכנטע קלאפט אן אין דער טיר —
דער קלאפ פאלט אויף די ליידיקע ווענט,
קיינער קומט ניט ארויס צו איר,
מען האט די שכנטע פארברענט.

די שכנטע האט זיך געראטעוועט דורך א טיר —
פון גאז־אויוון איז די טיר געשטאנען אפן,
זי האט זיך ארויסגעדרייט און איז אנטלאפן,
איז זי געקומען צו דער שכנטע ווי פריער.

וויל זי גייען מיט דער שכנטע מעסטן דאס פעלד —
לייגן קנייטלעך פיר צו פיר.
זי וויל גיסן וואקס מיט דער שכנטע,
קיינער עפנט ניט די טיר.

שטייט די שכנטע אין דרויסן פאר דער טיר —
ווערט איר נמאס דאס ווארטן,
זי וויל גייען אין דער ווייבערישער שול,
אפטראגן די ליכט מיט די אייגענע הענט.

די שכנטע וויל זאגן א תפילה צווישן די פיר ווענט —
טוט די שכנטע א קלאפ אין דער טיר,
קיינער קומט ניט ארויס צו איר,
מען האט די שכנטע פארברענט.

כפתור ופרח

(געווידמעט דעם דיכטער מלך ראוויטש)

די זון האט דעם ווארט די האנט געגעבן —
איך וועל דיר א באשיצער זיין,
איך וועל דיך היטן אויף די וועגן,
דו וועסט ניט בלייבן דארט אליין.

אויף מיר פארלאזט זיך אויך דער רעגן —
איך וועל אויך קומען צו דיר אין פעלד,
איך וועל קומען דיר אנטקעגן,
איך וועל ליכטיק מאכן דיין געצעלט.

די זון האט דעם ווארט די האנט געגעבן —
דאס ווארט האט די האנט גענומען,
דער האנט א האנט צוריקגעגעבן,
אויך איך בין גרייט אנטקעגן צו קומען.

אייגן בלוט און פלייש זענען זיי —
זיי זענען די גאנצע וועלט,
זיי זענען די היץ און די קעלט,
די זון און דאס ווארט זענען זיי.

רואיק איז געווארן דא און דארט —
פארשוואונדן איז דער האס,
געווארן איז רואיק דאס ווארט,
געווארן איז רואיק אין גאס.

וועט ארונטער די זון אונטער נעפלען —
וועט פון רויכעס פארווישט ווערן דער קאפ,
קומען וועט דאס ווארט אנטקעגן,
קומען דער זון אנטקעגן מיט דער בלום און מיט דעם קנאפ..

א פאטש אין פנים

קיין אבל איז ער ניט —
אויך זי האט ניט באגלייט די פיר.
שוין געלאזט די בארד וואקסן,
א שווארצן שפענצער געהייסן אנטאן האט ער איר —
פארהילן זאל זי אויך די הענט.
די לעכער זאלן ווערן גרעסער אין די שיך,
די לאטעס אויף די הויזן —
לייגן זאל מען ביז דער דיך.
זי האלט דאס פנים אראפגעלאזט,
מיט לאנגע האר פארשארט.

קיין אבל איז ער ניט —
אויך זי האט ניט באגלייט די פיר,
א פאטש אין פנים, דער וועלט געגעבן —
צו קילן זיך דאס הארץ.
די וועלט זי טאר ניט ווערן שווארץ —
פון הויכן וואסערשטאף צעהיצט.
טיף אין הארץ די בראנד זיי פילן —
אבל'ען ווילן זיי שוין איצט.
דער גרויסער בראך — ער זאל ניט קומען .

וויגן זיך שאטנס אויף דעם ים

וויגן זיך שאטנס אויף דעם ים —
דאס וואסער וויגט זיך מיט.
גלאנצן שטראלן אויף דעם ים —
גלאנצט א בריק אין דער מיט.
שווימט די זון שפאצירן —
ציט דאס וואסער מיט.

קומט א פויגל אָן צו פליען —
פאלן שטראלן אן אויף אים,
א נעץ געפלאכטן ווי פון שטריק,
פליט דער פויגל קרום —
פליט דער פויגל גלייך,
ער לאזט אראפּ זיך אין דער מיט.

זעט א פויגל זונען־שטראלן —
און א פויגל אין דער מיט,
פליט ער קרום,
פליט ער גלייך,
שווימט מען שוין צו דריט.

צווי פייגל ביי די זייטן
די זון אין דער מיט,
ציט דאס וואסער מיט
ציט אויך מיט די בריק . . .

דער צער טאר ניט ווערן גרעסער

.גרויס איז נאך די משפחה — קיין עין הרע —
מאמעס, טאטעס, קינדער און אייניקלעך,
אייגן בלוט און פלייש.
דעם עול אידיש טראגן זיי ניט מער —

אין תוך האבן זיי פארגעסן —
פארגעסן אין אידישן ווארט;
טרויערט די מאמע אידיש —
רינט אויס איר געוויין.

ביטא צו ווענען א ווארט ארויסצורעדן —
דאס מויל איז פארהאקט, פארשלאסן,
פארשלאסן זענען די ציין.
קערט אייך אום —
צו מיר אין שטוב קומט אריין.

נארישקייטן פארשרייבט ניט מער —
קיינער לייענט זיי ניט, קיינער געדענקט זיי ניט.

פארוואר !
אייער קול פון ווייטיק לאזט הערן,
זאל אייער ווייטיק ברומען — די ווייטיק פון א גוסס.
זעט דעם חורבן פון אונזער מויל,
עס איז פארהאקט אויף זיבן שלעסער.

דערפילט אונזער צער —
דער צער טאר ניט ווערן גרעסער.

נעם דיר מיט די גאנצע וועלט

נעם אין דורכשניט דרייסיק יאר —
כפל דאס מיליאנען מאל,
מאך אליין דעם חשבון.
יעדער לעבן איז א מענטש —
מיליאנען מענטשן, מיליאנען מאל פארשניטענע יאר,
אין קאפ טוט שווינדלען אזא צאל.
צייל און זאמל טרערן —
טרער אן א פולן טאל,
האקן, האקסטו איבער, א לעבן נאך א לעבן,
דו האקסט דאס איבער מיט א מאל.
פארגעסן זאלסטו ניט צום סוף,
נעם דאס מיט אין חשבון,
קינדער קליין און גרויס,
גרעסער ווערן וועט די צאל.
עס וועט דער גארטן מער ניט בליען —
עס וועט ניט וואקסן מער די רויז,
אין דער ערד וועלן די שטיינער פארזונקען,
עס וועט קיינער מער ניט בויען זיך דאס הויז.

שווייגן וועט דער הימל —
שווייגן וועט דאס פעלד,
דו וועסט די וועלט ניט פרעגן מער,
פרעגן וועסטו אויך ניט ביי דער ערד —
וואו איז געשטאנען אונזער הויז?
א גוטן טאג דיר מאמע —
דו גייסט אליין דיך חרוב מאכן,
מאמע — נעם דיר מיט די גאנצע וועלט.

דער אויסגערונענער שכל

אזוי לאנג און אזוי ברייט —
עס האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם,
קיינער קומט ניט צו גייען,
אפילו ניט קוקן אויף ס׳חידוש.

ניטא וואס צו זען —
ניטא מער די אידישע גאס,
אידן האבן אויפגעהערט צו רעדן אידיש,
אין שטוב, און אין גאס.

אזוי לאנג און אזוי ברייט —
זי פארגייט די זון, זי פארגייט.

אידן וואוינען אומעטום —
אידן הערן אויף צו רעדן אידיש אומעטום.

היטן שבת איז איינער יא גרייט —
היט ער אים אויף גוייש,
זאל זיין, אז ער היט אים אן פרייד.

אזוי לאנג און אזוי ברייט, אידן רעדן גוייש —
פראוון שמחות אין יענעמס שפראך,
מען האלט אין שול א דרשה אויף גוייש.

אזוי לאנג און אזוי ברייט, אלצדינג איז אידיש, נאר ניט אידיש —
זי פארגייט די זון, זי פארגייט.

קומט צו די אידישע טויערן

זאמלט אייך געטרייע, זאמלט אייך —
איר דארפט געבן א צייכן,
קומט פון דער גאנצער אידישער וועלט —
איינער — און מער,
צען — און מער
זעקס און דרייסיק — און מער;
זאל די צאלן וואקסן,
קומט צו די אידישע טויערן,
ריכט אפ א תפילה פאר אונזער אידישקייט,
וועקט די אפטריניקע, זאגט זיי מוסר —
רופט זיי צו אייער געצעלט.

ריגלט אויף די ריגלען פון זייער געוויסן,
עפנט אויף אלע פסולע אידישע טירן,
זאלן די אפטריניקע אייך זען;
גייט אריין, וואשט אייך די הענט,
גייט ארויס — נעמט דעם דונער מיט זיין פייער,
צילט גוט:
שליידערט אים ארום און ארום,
זאלן די אפטריניקע אין דרויסן אויפהערן ציטערן און צו פרידן...

זיי ווילן ניט ליגן מן הצד

קופע אויף קופע בלעטער געפאלענע ליגן זיי,
די נייע שמות אונזערע.
מען וויל זייער רעכט ניט טאן.
לויפן ווינטן אום ווי ווינטן —
טרייבן בלעטער אויף דעם בית עולם,
ביי דעם קברן אין די פענצטער קלאפן זיי.
ניטא פאר אייך קיין קבר — ברומט דער קברן.
פליען די בלעטער אין דער לופטן —
פליען נעסטן אן דער ברכה,
פאלן זיי — פאלן זיי.
דערפילט דער קברן גאר דעם פחד,
א שמע נאקעט אויף א שמם ליגן זיי.
רייסט דער ווינט און טרייבט זיי ווייטער,
צו דעם פארקן — צו דער צאם.
פארגנבעט שטיל אנטלויפן זיי —
לויפט א בלעטל נאך א בלעטל,
יעדע שמ׳ע לויפט באזונדער פרעגן —
אים דעם קברן, אים דעם שלעכטן;
קענסטו ליינען אידיש?
אידיש געשריבן זענען מיר!
גאפט דער קברן — ווי א קברן.
מיט זיין ברומען,
מיט דעם שטומען —
ער צעיאגט די שמות.
שמ׳ע אויף שמ׳ע פאלן זיי —
אויסגעלייגט א בריק.
שפאנט דער קברן איבער זיי —
אומצוקערן זיך צוריק...

זוך און דו וועסט געפונען

זוך דיין איך אין מיין ליד —
פון דעם לאנד וואו דו און איך זענען געבוירן,
געפינען וועסטו דעם איד,
דער איד און דער נביא האבן געשוואוירן,
צו זינגען זייער אייגן ליד.

זוך ליבשאפט אין דעם אידישן ליד —
פון דעם לאנד וואו דו און איך זענען געבוירן,
וועסט ליבשאפט געפונען אין ליד,
באזינגען איז ניט נאר דער איד,
ליידן פון מענטשן זענען באזינגען אין ליד.

זוך דיין ברודער אין דעם ליד —
פון דעם לאנד וואו דו און איך זענען געבוירן,
דו וועסט דעם ברודער דארט ניט געפינען,
ער איז פארשוואונדן אין איינעם א טאג,
די פרעמדע ערד האט נאכגעשיקט די קלאג.

זוך דעם אמת אין דעם ליד —
פון דעם לאנד וואו דו און איך זענען געבוירן,
וועסטו דעם אמת געפינען אין ליד,
די מוטער האט דאס קינד פארלוירן,
פארלוירן דאס לעבן האט דער איד.

זוך דעם העלד אין דעם ליד —
דו וועסט דעם העלד אין דיין אייגן לאנד געפינען,
דארט איז פאר אים אפן די טיר,
געפונען האסטו זיך אין מיין ליד,
געפינען אין דער היים ביי דיין טיר.

זוך דעם נביא אין דעם ליד —
ער האט געשוואוירן דיך מער ניט צו שטעלן אין קאן,
די געשוואוירענע ערד טראגט די ברכה דיר אנטקעגן,
איבער דיר און דיין לאנד פלאטערט די פאן,
עס איז פארהאן ברויט צו דער זעט, און עס פאלט דער רעגן . . .

איפגעהערט אינגאנצן האט דאס אייביקע האסן

אפגעטאן וועט זיין דער שלאף —
די רו וועט זיך שטיקן אין האלדז פון דעם באגינען.
קיינער וועט מער די גרעניץ ניט אריבערגיין,
ניט דער טאג, ניט די נאכט,
דרייען וועט זיך דער וויסטער חלל —
דרייען וועט ער זיך אן מאכט,
די געלעמטע צונגער, ביי די ברואים, ביי די מענטשן —
זיי וועלן רעדן איין שפראך —
דערבארימט איך אויף אונז —
גיט אונז לופט — דעם אטעם לאזט כאפן.
לעשט די טרוקענע בראנד —
סע פאלט אפ א האנט נאך א האנט.

די לאסט צעשווימט, דאס לעבן צערונט —
די מענטשן ליגן אין די גאסן.
סע וויל איינער דעם אנדערן ניט אנקוקן,
איפגעהערט אינגאנצן האט דאס אייביקע האסן.

גיי מיין פריינט אהין מיט שנעלע טריט ..

דער וועג איז לאנג צו דעם ברעג פון טאג —
גיי מיין פריינט אהין מיט שנעלע טריט,
אײדער ער פארגייט, דער טאג.

בלייב דארט שטיין נאענט פון דעם ראנד —
וואש דיין בליק אין קלארן אונט־שיין.

לאנג זאלסט דו דארט שטיין,
שטיין דארט און שטיין.

זעען וועסט דו קומען זיי —
זעען וועסט דו זייערע וואקלדיקע טריט.
גיי אנטקעגן זיי, די ערליכע פון די דורות.

בעטן ווילן זיי מיט כוונה,
מיט כוונה בעטן ווילן זיי ביי דעם אונט־שיין —
פארוואַרף דיין בליק אין זייער מיט.

נעם די שורות פון מיין ליד,
פלעכט א גארטל אויס פון זיי —
טראג דעם גארטל זיי אנטקעגן.

נעם זייער ערשטן פון דער ריי,
בינד ארום דעם גארטל אים —
פארפלעכט די עקן העכער פון זיין דיך.

אין זיין תפילה וועט ער גוט אין זינען האבן,
זיי, די אנדערע פון דער ריי —
ער וועט זיי ניט פארגעסן מער,
פארגעסן וועט ער אויך ניט דיך.

אייער ישוב גייט אויס ווי א ליכט

א גייסטיקע חורבה איז אייער ישוב —
דאס פענסטער איז צעבראכן,
עס סטארטשען די פינסטערע אויגן,
בעלמעס פארצויגענע,
איינגעפאלן דאס מויל,
דאס קול איז פרעמד און אפגעהאקט,
אפילו ניט א קרעכץ אן אייגענעם הערט אייער ישוב.

פאַרוואַר!

די חורבה וועט איינפאלן —
מיט איר וועט איר זינקען,
אייער געביין וועט מען ניט זוכן,
מען זוכט ניט אין אש קיין פונקען.

פאַרוואַר!

עס ליכטיקט אין א אידישער שטוב —
א איד פרייט זיך,
ביי אייך אין ישוב איז פינסטער,
איר האט ניט די וועלט,
איר וועט ניט האבן יענע וועלט,
אייער ישוב גייט אויס, ווי א ליכט,
דאס ליכט איז אפגעקערט און פארשטעלט.

דער איד אין גלות

דער איד אין גלות בלאנדזשעט, ווי א שאף —
ער דרייד אראפ זיך פון דעם וועג,
דעם שכנס וועג, דעם שאנס שאף,
דעם אידנ׳ס פוס בלוטיקט דארט ביים וועג.

פארוואר!

דיר גייט א קול אנטקעגן, טיף פון הארץ צו דיר א רוף,
געשיקט דאס קול איז דיך צו פרעגן,
זאל דאס קול זיין פאר דיר די שטראף?

פארוואר!

זיס איז די פאשע ביי דער שאף אין מויל,
די פאשע פון דיין אייגן לאנד,
דער פאסטוך, אין לאנד איז פריי פון גרויל,
ער האלט אויסגעשטרעקט צו דיר די האנט.

פארוואר!

דער גלות האט געבראכן דיר דיין נאקן,
עס ווערט דיין מויל דיר צוגעמאכט,
ס׳איז אן אויוון וואס קען ניט באקן,
מ׳האט קיין פרייד פאר דיר ניט צוגעטראכט.

פארוואר!

דער איד אין גלות בלאנדזשעט, ווי די שאף,
ער דרייד אראפ זיך פון דעם וועג,
דעם שכנס וועג דעם שכנס שאף,
דעם אידנ׳ס פוס בלוטיקט דארט ביים וועג.

רוקט די זון זיך אונטער

דעם וואלקן ציען פערד פיר —
א רייטוואגן אין דער לופט,
ציט דער שרייבער נאך דער פיר,
ציט דער פויגל פון דער שריפט.

פליט דער רייטוואגן אין דער לופט —
פליען אדלער אין דעם וואלקן,
קוקט דער שרייבער אין דער שריפט,
יאגט א וואלקן נאך א וואלקן.

טוט דער פויגל העכער פליען —
פליען העכער אין דער לופט,
נעמט די זון דעם וואלקן בריען,
מאכט דער שרייבער צו די שריפט.

רוקט די זון זיך אונטער —
ציט צום ים דער וואלקן,
טונקט דאס ליכט זיך אונטער,
רינט אין ים דער וואלקן.

ניטא שוין מער דער רייטוואגן, מיט די פערד די פיר —
ליגט אין ים דער רייטוואגן,
דער פויגל זינגט דעם שיר . . .

מען דרייט זיך פארביי

פריי איז די ערד און אפגעבונדן —
זי דרייט זיך פארביי,
זי דרייט זיך מיט איר'ס גלייכן —
מען זעט ניט די אייגענע וואונדן.

פריי איז דער מענטש און אפגעבונדן —
ער דרייט זיך מיט זיינס גלייכן,
סע דרייט זיך דער איינער,
עס דרייט זיך דער צווייטער.

אן א גוט מארגן, גייט פארביי איינער,
אן א גוטן אוונט — גייט פארביי דער צווייטער,
מען דרייט זיך ווייטער —
מען זעט ניט די אייגענע וואונדן.

סע דרייען זיך די טרעפ,
די עסקעלייטער, זיי פירן ארויף —
זיי פירן אראפ, אזוי ווי א לייטער.

דרייט זיך פארביי א קרוב א ווייטער, א פריינט —
מען דרייט זיך פארביי —
אן א גוט מארגן — דער איינער,
אן א גוטן אוונט — דער צווייטער,
די טרעפ דרייען זיך ווייטער,
די ערד דרייט זיך מיט זיי —
מען זעט ניט די אייגענע וואונדן,
מען דרייט זיך פארביי ...

ביזט פארבייגעפארן א פעלד

נעכטן ביזטו פארבייגעפארן א פעלד, אין דער פינצטער —
פארבייגעפארן דעם פאסטוך'ס געצעלט,
געזען האט דיין אויג ווי דורך א שפארע, א קינד זיך שפילן,
א קינד מיט א שטעקן אין דער האנט,
מיט א ביקס אויף דעם אקסל,
שפילן מיט שאף, שפילן מיט רינדער,
שפילט דאס ווייב, שפילן קינדער.

היינט פארסטו פארביי א פרילינג אין פעלד, פארטאג —
זעט דיין אויג א ווייס קלייד,
א ווייס קלייד אויף דעם בוים,
אויף דער בייט,
אויף דעם וועג ביי דער זייט —
דעם פאסטוך'ס א שמייכל.

מארגן וועסטו פארבייפארן א פעלד, פארנאכט —
פארבייגעפארן א הארבסט אין פעלד,
זען וועט דיין אויג אן אלט קלייד,
אן אלט קלייד אויף דעם בוים,
אויף דער בייט,

אויף דעם וועג ביי דער זייט —
ניטא דארט דער פאסטוך,
געזהארכט האסטו דאס ליד פון א פלייט ...

געבליבן איז דאס הוילע געדריי

דרייט זיך דער טאג, ער דרייט זיך ארום —
פארדרייט ער זיך ארום דעם קאפ פון דער זון.
א פלאם־פייער אויף אים האט געגאסן די זון.
געווארן איז ער א שאטן די גרויס.
צעהאנגען ביי דעם פאעט אויף דער שויס.
געעפנט פאר אים האט זיך די טיר —
סע ברענט דער האריזאנט, ווי אין א בהלה!

סימן טוב, מזל טוב —
שארט דער פאעט דאס ליכט מיט דער האנט,
אזוי ווי ביים סוף פון דער הבדלה.

דאס הארץ גייט איבער פון לויטער געפריי —
די גרעניץ אריבערצוגיין איז ער גרייט,
צו ברענגען צו פירן זיין ליד ביי דער האנט.
פארלוירן האט זיך פלוצים דער שאטן, דער וואכעדיקער טאג.

אומזיסט האט דער פאעט געזוכט ביים בלוטיקן האריזאנט —
געבליבן איז דאס הוילע געדריי . . .

א ליד צו דעם ים

(געווידמעט דעם דיכטער אלחנן וואגלער)

ניט אלע לידער זינגט אויס דער ים —
דער ים זינגט א ליד פון דעם וואסער־הונט,
א ליד פון דעם בייזן ווינט,
א ליד פון א פארלוירן קינד זינגט אויס דער ים.

דער ים טראגט אין זיך דעם ריטם פון געמיט און געמיט —
ער קען ניט רוען דער ים,
טרענקט זיך דער ים אין זיין אייגן געמיט,
ציט ער דער ים און ווערט ניט מיד.

דער שטעקן האט דעם ים געלערנט זינגען —
זינגען ליד נאך ליד,
פון יעדן מין זיין ליד,
אויסצווינגען זיין געמיט,
און ניט צו זינגען דאס אייגענע ליד.

זינגט דער ים דאס ליד פון דער זון —
די זון וואס קומט אן,
די זון וואס גייט אוועק,
דער ים זינגט דאס ליד פון דעם פיש,
פון דעם פיש וואס אנטלויפט פאר שרעק.

דער ים זינגט אויס דאס ליד פון די פייגל —
די פייגל וואס האלטן זיך ביים ברעג,
פייגל וואס קוקן ארויס אויף דעם מאטראז,
דער מאטראז פון אונטערשטן דעק.

דער ים זינגס אויס דאס ליד פון דעם בארג אייז —
דער בארג איז א פלעק אין ים,
הפקער איז דער בארג אייז,
הפקער איז דער ים,
דער ים זוכט און האט נאך ניט געפונען זיין שטאם . . .

אין איין רייע שוועבן דריי

פון ערגעץ אונטן טיף אין דיר —
אנגעקומען איז דער ויידע,
ברייט אפן שטייט די טיר,
טרערן פון די אויגן רונען פוןביידע.

קאלטע ווענט אין ליידיקן הויז —
ניטא דער איד אין גאס,
דער גארטן טרוקנט ארום דעם הויז,
דארט צעבראכן ליגט דאס פאס.

זוכט ארום דעם זיידנס שכל —
לויפט דער אדלער אים פארביי,
עס איז דער טרויער און ניט דער שמייכל,
אין איין רייע שוועבן דריי.

אנטקעגן קומט דער הויכער קוימען —
פון דער קאמער מיט דעם גאז,
קרייזט דער אדלער די תהומען,
שטייגט נאך העכער דארט דער האס.

אויסגעדרייט האט זיך דער זיידע —
ערגעץ אונטן טיף אין דיר,
אליין דער אדלער איז דער זיידע,
צוגעמאכט האט זיך די טיר ...

זינגט דער פויגל פון דער שרפה

שטייט צוקאפנס דארט דאס ברעטל —
שטעלט דער פויגל דארט זיך זינגען,
זינגט דער פויגל דעם חוב צום שטעטל,
האלט דער פויגל אין איין זינגען.

זינגט צו משה׳ן ער א ליד —
קומען פייגל אן צו פליען,
זינגען פייגל דאס אידישע ליד,
איז משה׳ן גרינגער דארט צו רוען.

זינגט דער פויגל פון דער שרפה —
ברענט אין פעלד דאס ליד,
מ׳האט געראטעוועט די קו פון דער שרפה,
מ׳האט ניט געראטעוועט דעם איד.

זינגט דער פייגל ליד נאך ליד —
הערט ניט קיינער דאס געזאנג,
עס לעבט דער שכן אן דעם איד,
דער שכן לעבט אן דעם געזאנג.

געווען מיט פייגל פול דאס שטעטל —
דאס שטעטל געווען איז פול מיט ליד,
שטייט צוקאפנס דארט דאס ברעטל —
מען האט דער׳הרגעט דארט דעם איד.

זינגט דער פויגל דעם חוב צום שטעטל —
זינגט דער פויגל און ווערט ניט מיד,
זינגט דער פויגל אויף דעם ברעטל,
ער זינגט אן אימה ליד ...

ביי אונזער טיש

עס פליט היינט אונזער עראָפּלאַן —
מיר פליען פון שטאָט צו שטאָט,
מען דרייט זיך ניט אַרויס און אַריין,
ווי געדרייט מען האָט זיך אין דער באַן;
מיר פליען אויף אייגענעם באַראָט,
און ברענגען פרייד פון שטאָט צו שטאָט.

היינט איז אונזער לעבן אַנדערש ווי אַ מאָל —
מיר פאָרן ניט מיט דעם פערד און וועגעלע,
מיר לייענען ניט קיין לידער פון פינסטערן טאָל,
עס איז פאַרשוואונדן דאָס אַלטע רגע'לע.

עס פליט דער ראַקעטן עראָפּלאַן זער הויך —
ער פליט העכער און העכער,
מען ציט ניט אַריין דעם סם פון רויך,
מען טרינקט דעם ווײַן פון אַ גאָלדענעם בעכער.
מיר לייענען ניט קיין שלעכטע לידער,
מיר קוויקן זיך ניט מיט דעם אַלטן ווײַן;
נייע לידער זינגען היינט אונזערע ברידער
לידער זינגען זיי פון לעבן און פון זײַן.

מיר זינגען לידער פון זון אויף אייגענעם פעלד —
לידער פון אייגענעם לאַנד רייך און ריין,
ביי אונזער טיש זיצט די העלדין און דער העלד,
אַ פולער קריג מיט ווײַן צו שטאַרקן די גלידער,
העכער טראָגט זיך דאָס געזאַנג פון די לידער,
עס זינגען מיט די נביאים אונזערע ברידער . . .

ניט געראָטן

עס איז ניט מער דער שאָטן —
אויף דעם פענצטער אויף דער טיר,
אַליין דאָס ליד רעט צו דיר, צו איר,
אונזער זאַך איז ניט געראָטן.

זאָגט אָן דיר דאָס ליד —
אין ישראל לאָז וויסן דעם איד,
עס איז פאַראומערט דאָס גייסטיקע פעלד,
אַ שפּאַרע אין גלות דיין וועלט.

געוואָרן ביסטו פריי, אַ פרייער מענטש —
אויף דעם גייסטיקן פעלד פון דער וועלט,
דיר טוט ווי וואָס די קויל טרעפט דעם סאָלדאַט,
קוילן אַרויסגעשאָסן פון ביקס און האַרמאַט.
אין גלות גייסטו פראַנק און פריי אויף דעם פעלד —
ער פאַלגט דעם באַפעל וואָס רופט אין קריג,
אויף דעם שלאַכטפעלד קעמפט דער זון, דער העלד,
אַ יתום זיין קינד וויינט אין דער וויג.

מען פילט אַז דיר איז ניט גוט —
דיין הארץ איז דיר שווער,
דו ווילסט ניט פאַרגיסן קיין בלוט,
דו ווילסט ניט זען דעם יתום'ס אַ טרער.

האסט געווּפן

דאס קול האסטו געשיקט מיט לעצטן כוח —
פון די טיפעניש האט גערופן דיין הארץ,
מען האט ניט געהערט דיך רופן,
דו האסט געברענט און געצויגן האט א רויך,
דיינע אויגן זענען אין פייער געווארן שווארץ.

דו האסט גערופן מ׳זאל דיר העלפן —
דיר העלפן זיך ראטעווען פון מענטשליכע הענט,
דער מענטש איז ניט געקומען דיר העלפן,
דו האסט געברענט און רויך איז געפאלן אויף די ווענט!
מען האט ניט געוואלט דיר העלפן.

פארשוויגן איז דאס געשריי פון דיין הארץ —
צו דיינע ברידער איז ניט דערגאנגען דאס געשריי,
באגלייך דאס געשריי איז ניט געקומען פון די טיפענישן פון דיין הארץ,
פארוואס איז אויסגעגאנגען אזא קללה אויף דיר און אויף זיי
ניט צו קענען דערהערן פון הארץ דיין געשריי.

ווער האט געשאלטן און פארשאלטן?—
פארשאלטן דיך און זיי,
דעם שכל פארשאלטן,
דאס קול זאל ניט אנרירן זיי.

זאל פארוואנדלט ווערן דיין געשריי אין א ליד —
לידער האט תמיד געזונגען דיין ברודער,
זאלן אידן ניט זינגען דאס פרעמדע ליד,
זאלן זיי זינגען דאס ליד פון זייער אומגעקומענעם ברודער.

פעלן דארף דא קיינער ניט

שפאנט דער מורה, שפאנט ער העכער —
ארויף דעם הויכן בארג,
שיט דאס זאמד זיך פון די זוילן,
אים אין פנים ברענט די זון.
לויפן קינדער אים אנטקעגן —
שרייען, לאכן אויף דעם קול —
די מאמע איז שוין דא.
ארום דעם טיש די ווייבער זיצן,
פון די שייבלעך רינט די היץ.
קוקט דער מורה, ברוגז קוקט ער —
עס פעלט נאך איינער, לידיק איז דער זיץ.
קענען מוזן עברית אלע,
פלעכט ער אין זיי אין איין שטריק,
רעדט דער מורה מיט כוונה — בינד זיי צו דעם נייעם גליק.

קומט דער זיידע אן צו קרעכצן,
עברית, עברית נאר זיי שרייען —
לאזט דעם אטעם כאפן — בעט דער אלטער איד.
קוקט דער מורה אים אין פנים —
זיידע, זיידע — פעלן דארף דא קיינער ניט.
לויפט דאס קול־א קול אין ווייטן פעלד —
צו דער זון פונסניי עס לויפט.
באגלייט דער מורה אים דעם זיידן,
שפאנט דער מורה — ער שפאנט שוין ווייטער —
איינצונעמען א ניי געצעלט.

קומט און ארבט אייער חלק

צו אייך געהערן די צעאקערטע פעלדער, די פרייליכע דערפער,
די רוישיקע שטעט און די גרינע וועלדער,
די מעכטיקע בערג און די טיפע טאלן,
די פאבריקן און די שולן, זיי געהערן צו אייך,
די בלויע ים׳ען און די גלאטע וועגען,
די הייסע זאמדן אין דער וויטער מדבר —
די טרוקעניש און דער רעגן.
קומט און ארבט אייער חלק —
וועט וואקסן דאס פארמעגן.

דער טאג און די נאכט זענען רואיק, דער גאנצער מעת־לעת איז אונזערער,
ער לויערט איבער דעם גאנצן לאנד —
זאטקייט ברענגט ער אונזערע ווייבער און קינדער,
אונזערע שאף און רינדער.
אונזער גאנץ האב און גוט׳ס ליגט אין זיין האנט —
קומט און נעמט אייער ברכה,
נעמט דאס ליכטיקע מלבוש פון דער זון —
נעמט די גרויסע, ווייסע לבנה —
קומט און נעמט די קרוין פון דער נאכט.

דאס ווארט

אין רומל איז דאס ווארט צווישן גלידער א גליד,
ניט בלויז געזאגט א גליד־געשוועסטערקינד,
ניט נאר א וויטער קרוב באגעגנט אויף דעם יריד,
דאס ווארט שטייט אליין און צווישן ווערטער אינדערמיט.

מיט דעם ווארט פארשטופט מען אלע לעכער —
מיטן ווארט קען מען אנזאגן דעם טויט —
מ׳קען רעדן שטיל, מ׳קען שרייען העכער,
מיט דעם ווארט קענסטו פאדערן דאס שטיקל ברויט.

מיטן ווארט רייסט מען ארונטער דעם שלייער —
צווישן שלום און קריג שטייט דאס ווארט אויף דער טיר
מיט דעם ווארט שיקט מען דעם מענטש אין פייער,
מיט דעם ווארט הייבסטו אן ציילן מער ווי פיר.

מיט דעם ווארט באצייכנסטו דעם קאליר רויט —
דו קענסט זאגן אז דער קאליר איז דיר טייער,
מיט דעם ווארט קענסטו פאדערן דאס שטיקל ברויט,
צוליב ברויט גייט דער מענטש אין פייער.

מיט דעם ווארט שאפט מען נייע געטער —
געטער האבן געטאן מאכן די יוואנים,
מיט דעם ווארט מאכט מען רעטער,
דאס ווארט קען אויך האבן א פנים.

מיט דעם ווארט קענסטו פארקאכן די אמתע קאשע —
דו קענסט דעם מענטש רופן חיה,
קענסט ניט זאגן אז אויף שטיינער וואקסט פאשע,
קענסט ניט באשאפן א וועלט א נייע.

דעם נביא און זיין ווארט האלט טייער —
זיין ווארט זאלסטו ניט פארשוועכן,
ביי׳ג ניט זיין ווארט ווי מ׳קען בייגן א דרייער,
היט דיך פון צו באגייען א פארברעכן . . .

דער גוטער מאמעס נייע ליד

שלאף מיין שטערן מיין טייערסטער —
שלאף מיין קינד — מיין רעכטע האנט.
זאל דער גוטער חלום דיינער, ברענגען אויף דיין קאפ דיר —
דאס ליכט און פרייד פון אונזער לאנד.
אונזער קרוין איז דער כנרת —
אונזער אויג איז דער שרון,
ניט ווייט פון דארט איז תל אביב —
חיפה גרויסט זיך אין דער מיט —
ירושלים אין מזרח איז אונזער טראן;
קינדער דארטן טאנצן, לאכן —
דו מיין שטערן מיט זיי צוזאמען —
טאנצן, לאכן וועסטו מיט זיי צו דריט.
שלאף מיין שטערן מיין טייערסטער, שלאף מיין קינד — מיין רעכטע האנט,
דאס זינגט דיין גוטע מאמע דיר, דאס נייע ליד, דאס פריילעכע געזאנג —
דיך רופט מיין קינד — אונזער גאלדן לאנד . .

ביי די פולע טייכן

אונדזערע פאסטוכער זינגען ביי פולע טייכן —
זיי טוען די מדבר באוואסערן,
טראגט זיך דאס געזאנג אין די הייכן,
דערגאנגען איז דאס געזאנג צו באסערן.

יעדער באזונדער זאל זיין פאלק דערלייזן —
זאל געבראכן ליגן די שווערד,
די שווערד פארוואנדל אין אקער און אייזן,
וואסער צו דער זעט זאלן האבן די ערד.

געלאזט האט דער נביא א צייכן —
א צייכן פון העכסטן געבאט,
א געבאט פון די העכסטע הייכן,
געשיקט איז דער צייכן פון ג'אט.

זאלסט היטן דאס לאנד ווי א העלד —
צום שכן שטרעק אויס דיינע הענט,
עס וועט מער ניט געשטרויכלט ווערן דיין פעלד,
די ערד האט דיין טראט דערקענט . . .

דריי אייגענע גרויסע בערג

לייבליכע ברידער זענען אלע דריי —
דער כנען, דער חרמון און דער תבור,
צו דער זון זיי זענען שותפים אלע, אן א תנאי —
יעדער בארג נעמט זיך באזונדער, א פרייינטליכן בליק ביי טאג.
גלייכע מיט גלייכע טוען זיי שפיגלען זיך אין דעם זילבער פון דער נאכט.
דער ערשטער בארג איז דער מעכטיקסטער דער כנען,
געשטעלט איז ער דער ערשטער אין דער ריי,
צווייי אקסל האט דער בארג —
שאלן פון א וואג,
אויף זיי ארויפגעשטעלט זיי שטייען, צפת.
די אלטע און די נייע שטאט —
דער בארג האט אויך צוויי ברוסטן —
דער סימבאל פון דער שטאט,
פאר זיי איז זי א פסח'דיקע שיסל — אייביק אלט און אייביק ניי . . .

אידישקייט

איך האט מען אנגעזאגט אז זאלט בלייבן אידן —
אידן דארפן היטן אידישקייט,
אין גלות זאלט איר אייך פירן ווי אידן,
איר טארט ניט פארגעסן אייער אידישקייט.

געזאגט געווארן איז דאס פאר היינט, ווי פאר א מאל —
היינט ווי אמאל בלאזן נייע ווינטן,
ווינטן וואס טרייבן פארויס און טרייבן פון אונטן,
צו דערמאנען אייך אין אידישקייט פון אמאל.

מען האט אייך אנגעזאגט, אז איר זאלט בלייבן אידן —
איר זאלט ניט שאפן קיין מחיצה,
איר האט געשוואוירן ווי אידן,
די שבועה לעבט אין גלות און לעבט אין דער קבוצה.

אין דער קבוצה איז דער טיש פארשפרייט —
אויפן טיש ליגט דאס ברויט,
דאס קארן וואקסט אין פעלד,
אין דעם טאל וואקסט דאס קרויט,
עס זינגען די קינדער פון עם הארץ.
זיי זינגען המוציא לחם מן הארץ.

אידישקייט וואנדערט ניט אהין און צוריק —
דער איד וואנדערט ניט מער פון לאנד צו לאנד,
פירט ניט מיט אידישקייט דעם קריג,
צו אידישקייט שטרעק אויס דיין האנט.

די נאכט גייט אוועק אן טרויער

אונזערע הארפן הענגען ניט מער אויף די ווערבעס —
עס גייט אונז גוט קיין עין־הרע,
מיר זיצן ניט ביי די טייכן און וויינען ביי די ווערבעס,
ביי אונז איז ניט מער הארע קארע.

מיר זיצן ניט ביי דער ווייסל, ניט ביים דניעפער —
ניט ביים פרוט, ניט ביים סערעט,
ניט ביים דוניי, ניט ביים ריין,
ניט ביים בוג, ניט ביים סאן,
מיר זיצן ניט ביי די טייכן און וויינען ניט ביי די ווערבעס;
ניט ביי דער טעמזע, ניט ביי דער סיינע,
ניט ביי דער וואלגא, ניט ביי דער טייגא,
ניט ביי דער אדער, ניט ביי דער פיאווע.

אונזער טאג קומט אהיים מיט פרייד אין לאנד —
אן טרויער גייט אוועק די נאכט פון דער ערד,
עס גייט אונז גוט קיין עין־הרע,
מיר אקערן און מיר זייען, אויף אונזער ערד,
מיר זייען מיט דער רעכטער און מיט דער לינקער האנט,
ביי אונז איז ניט מער הארע קארע.

אונזערע הארפן הענגען ניט מער אויף די ווערבעס,
מיר וויינען ניט ביי די טייכן אין רוים,
מיר וויינען ניט ביי די טייכן אין שפאניע,
מעכטיק און שטאלץ וואקסט היינט אונזער בוים.
מיר בויען אין ירושלים, אייביק איז איר נאמען,
אונזער צונג איז פריי, זי קלעפט ניט צום גומען ..

ער וועט היטן און וועט שטראפן

ניט גערעכטן איז דיר דאס ליד —
מיט אל דעם גוטן איז פול דער גארטן,
ס'איז דער עפל שענער פון דיין ליד,
זע, דאס ליד זאל בעסער דיר געראטן.

עס פעלט צום חשבון דיר א רינגל —
קענסט ניט מאכן דעם סך־הכל,
פארגעסן האסטו אין דער זון,
עס פעלט די זון דיר צו'ם סך־הכל.

שטעל ביי'ם טירל דארט א היטער —
אין דער האנט גיב אים דעם מקל,
זאל ער היטן און ניט שלאפן,
ער וועט היטן און וועט שטראפן

ווי א זאנג דאס ליד וועט ווערן פול —
פאר דעם אידן זיך צו קוויקן,
ס'וועט ניט פעלן דיר די גול,
א קרוין וועט זיין דאס ליד,
פאר די פייגל ניט צו פיקן ...

ווי א צווייג אין שאטן

דאס זענען ווארע שטראפרייד,
איר קענט אייך נישט אויסקויפן,
גיין זאלן זיי גלייך צו אייערע הערצער,
איר שוואכע אידן! איר אפטריניקעס! אידן און ווייבער,
פרעמד ווערט אייך אייער אידישקייט,
העברעאיש און אידיש, ביידע אונזערע שפראכן —
פון זיי טוט איר אנטלויפן.

אייך און די קינדער אייערע, אייך איז נישט געראטן
אין אייערע הערצער טראגט איר פאלשקייט;
„דינא דמלכותא דינא" זאגט איר,
נישט פאר אידישקייט מאנט מען חשבון.
פארוואר!
איר רייסט אייך אפ פון שטאם,
קלענער וועט ער נישט ווערן.
איר וועט ווערן פארוויאנעט, ווי א צווייג אין שאטן ...

זיי ברענגען א מתנה

אויב איר ווילט קענט איר די טאכטער רופן רחל —
א נאמען וואס אלע ווייסן, א רויז וואס וואקסט אויף דעם בארג,
זי האט געלערנט אין א מאדערנער שול, אין דער נאנט פון דעם אלטן מארק.

אויב איר ווילט קען ער אויך יעקב הייסן —
ער קען טרויבן רייסן, אין דעם דרויסן דעם הייסן,
ער איז די רויז וואס וואקסט אין טאל.

ער מעסט דעם וועג בארג ארויף —
ער קומט צו רחלען אין שטוב,
א רגע ביי אים א מייל אמאל,
אמאל א רגע ניט מער ווי א צאל.

ער ווייסט וואס רחל האט ליב —
די מתנה וואלגערט זיך פאר איר הויז,
ווייסע שטראלן האט זי ליב.

אויפהייבן די ווייסע שטראלן איז ער גרייט —
זיי ברענגען א מתנה,
פון די ווייסע שטראלן מאכט רחל פאר זיך א חופה קלייד.

עס עפנט זיך ברייט די טיר —
די טיר מאכט צו פון טאל די רויז.

בארג אראפ מעסט זי דעם וועג צום טאל —
זי מעסט דעם וועג מיט דער זעלבער מאס, א רגע ביי איר א מייל אמאל,
אמאל איז א רגע ניט מער ווי א צאל.

זי ווייסט וואס יעקב האט ליב —
רחל קומט אלעמאל אריין צו יעקבן אין שטוב.

בלאע שטראלן האט ער ליב —
די מתנה וואלגערט זיך פאר זיין הויז.
דער בארג העלפט איר אין דער ארבעט —
ער בייגט זיך צו די פיס ווען רחל גייט,
זי קומט אויפהייבן די בלאע שטראלן, זיי ברענגען א מתנה.

אויף דעם רעכט זיך יעקב —
פון די בלאע שטראלן מאכט ער פאר זיך א טלית־קלייד.

עס עפנט זיך ברייט די טיר —
די טיר מאכט צו פון בארג די רויז . .

די לידער ליגן אין שופלעדל

דיינע לידער לאז ליגן אין שופלעדל —
לאזן זייווארטן ביז אין גראען צאפ אריין,
וואס לענגער זיי וועלן ליגן אין שופלעדל,
וועט ליכטיקער ווי ליכטיק ווערן זייער שיין.

זאל מען זיי בעמען און נדן —
מען זאל זיי פארפוצן אין טעוועלעך,
ריין זאל מען האלטן די בלעטער,
דאס האט ליב דיין גוטער פעטער.

דער פעטער איז א איד פון לויטער אידישקייט —
ביט אידישקייט אין א פרעמדער שפראך,
אין דער אידישער שפראך וויל ער זיין אידישקייט,
ער וויל זיין פונט אידישקייט אין זיין שפראך.

ער וויל זיין גייסטיק רייך —
ער וויל זיין אייגענע שפראך, דער שכל איז ניט קרום,
דער שכל איז גלייך.

אזא פעטער מוז מען צוליב טאן —
צוווארטן אביסל מעג ער דער פעטער,
דערוויל זענען די לידער נאך ניט אויף די בלעטער,
די לידער ליגן אין שופלעדל,
ווארטן ווי דאס שענע מיידל, אין דעם שענעם מעשה־ביכל,
ווארטן די לידער אויף א באשיצער, זיי ווארטן אויף א רעטער.

וועט אמאל קומען דער באשיצער —
קומען צו רייטן אויף א שטערן,
אנקלאפן אין פענצטער ביים פעטער.

דו וועסט אויפשטיין פון געלעגער —
אריינלאזן וועסטו דעם רייטער,
וועסט אים אוועקגעבן דיינע לידער,
זאל ער מיט זיי אוועקרייטן, ווי א רייטער,
אוועקרייטן צו די נביאים דיינע ברידער,
זאל דער רייטער אויף דעם שטערן, זיי ברענגען א מתנה דיינע לידער.

גייט זיי נאך די אלטע אידישע גאס

דער ווינט פירט א אידיש ליד ביי דער האנט —
דער ווינט פירט אויף קבר אבות דאס אידשע ליד,
שפאנט דער ווינט, שפאנט דאס ליד,
שפאנט מען אויף דעם לעבן פון דעם איד.

דער ווינט פירט א אידיש ליד ביי דער האנט —
דער ווינט פירט אויף קבר אבות דאס ליד,
הארכט דאס ליד, הארכט דער ווינט,
עס וויינט די חרובה וואנט,
די חרובה וואנט פון דער אידישער גאס.

דער ווינט פירט א אידיש ליד ביי דער האנט —
דער ווינט פירט אויף קבר אבות דאס ליד,
שפאנט דער ווינט, שפאנט דאס ליד,
פון לאנד צו לאנד, צו דעם געפאלענעם איד,
צוקאפנס דער וואנט, אין פרעמדן לאנד.

דרייט זיך אויס דאס ליד —
דרייט זיך אויס דער ווינט,
גייט זיי נאך דער איד,
נאקעט און בארוועס גייט דער איד,
גייט זיי נאך די אלטע אידישע גאס . . .

זיי צופרידן מיט דער ערד

לאמיר ניט רייסן מער די הימלען —
פליער פליען צו די הימלען,
זיי צופרידן מיט דער ערד,
מיר רייטן ניט מער אויף די פערד.

געווארפן איז די לאסט פון דעם רוקן —
ליגט געבראכן דער גאנצער יאך,
אנדערש טוט דאס אויג היינט קוקן,
זעען זעט עס וואונדער נאך נאך.

וואויל איז דער באשאף אזוי ווי ער איז —
די זון שטעלט זיך אין דער צייט,
יעדער באשאף טוט דינען זיין מוז,
די לבנה קומט און זי גייט.

וואויל איז דער הימל אזוי ווי ער איז —
א שטערן גרויס און ניט מער איז די ערד,
בלייבן זאל דער הימל אן א ריס,
רייטער רייטן אויף די שטערן, רייטן ווי אויף די פערד . . .

קומט זינגען די שבועה

באשוואוירן איז געבליבן דיין רעכטע האנט —
דער נביא האט געשוואוירן, געשוואוירן, דו וועסט קומען און פארזייען דיין פעלד
פארזייען דאס פעלד אין דיין אייגענעם לאנד.

וואקסט דאס ברויט אין פעלד —
געשיצט פון די ביימער ביי דער זייט,
געשיצט איז דיין געצעלט,
דער בוים גיט די פרוכט אין דער צייט.

געשוואוירן האט דער נביא, געשוואורן —
זיין ליד איז די שבועה,
דער איד איז דאס ליד,
דאס ליד איז די נבואה,
א נביא איז דער אייביקער איד.

געקומען פון וויטן איז דער איד —
געקומען און פארזייט דאס פעלד,
וואקסט די תבואה, וואקסט דאס קינד, וואקסט דער העלד.

רופט דאס ליד דעם ברודער —
רופט דעם איד פון דער פרעמד,
קום עסן דאס ברויט, קום עסן דאס ברויט פון דייך אייגענעם פעלד,
קום זינגען די שבועה, אין אייגענעם געצעלט ...

דער נייער רינג

דער שמיד האט געמאכט א נייעם רינג —
א נייעם רינג פאר דעם פאסטוך,
דער אלטער נביא און דער נייער שמיד,
דער נייער העלד טראגט דעם רינג,
דער פאסטוך און דער רינג, דער שמיד אינדערמיט.

דער רינג איז מעכטיק און שטארק —
שטארק ווי די זון איז דער רינג,
דעם רינג, ווי א קרוין טראגט דער פאסטוך.

דער רינג איז די פעסטונג פון דעם לאנד,
זיין הויז דארט געבויט האט דער פאסטוך,
דאס הויז האט ער געבויט אליין,
געבויט א הויז פון אייגענעם שטיין.

דעם פאסטוך'ס האנט איז א ברייטע האנט,
די האנט איז אפן און גוט איז די האנט,
א האנט וואס פארגיסט ניט קיין בלוט,
דאס איז דעם פאסטוך'ס האנט.

דער פאסטוך איז אפגעבריענט פון דער זון —
די זון אויף זיין קאפ איז א קרוין,
דער פאסטוך, דער ברודער איז ברוין,
דער נביא האט געשמיד זיין קרוין.
צום פאסטוך שטרעקט דער ברודער זיין האנט —

א האנט טראגט אנטקעגן א פריינט,
א האנט טראגט אנטקעגן די מומע,
זי וויל האבן א חלק אין קיום האומה.

מען גייט פארשרייבן אינ'ם פנקס

טוט צוזאַווישן קהל אין שטאַט —
מען גייט פאַרשרייבן אין דעם פנקס,
ניט די גזירה גייט מען דאָרט פאַרשרייבן,
קיין מחלוקת ניט מיט חסידיש,
אויך ניט קיין הריגה, די מגיפה ניט,
ניט די בהלה גייט מען היינט פאַרשרייבן אין דעם פנקס,
א רדיפה גאַר א נייע אויסגעגאַנגען איז אויף אידיש.

מען זאָגט די רוצחים זענען רויטע —
פרעגט ניט באַלד די שאלה,
אַלץ איז כשר פאַר די טויטע.
היטן אידיש דאַרף א יעדער איינער —
פרעגט ניט באַלד די שאלה,
קען דעם אידנ'ס פרעמדע צונג ברעכן זיך די ציינער?

נעמט די ברירה זיך דער איד —
ער שלאָגט אידיש מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט,
צו דעם איד רעדן וועגן אידיש,
וועגן מאַמע לשון, וועגן חסידיש,
הייסט רעדן צו דער וואַנט.

ביי דער טיר פון אידיש שטייט דער איד —
זיין פרעמדע צונג איז פול מיט האַס צו אידיש,
די האַנט איז אויסגעשטרעקט, אַט אַזוי זיך סתם,
עס איז די ליבע צו דעם שפיכת דם ...

צו לעבן בשלום

(געווידמעט א. מ. פוקס)

פון די ערשטע זענען געווען די זון און דער ים —
זיי זענען געווען די ערשטע צו לעבן בשלום,
זענען דערנאָך אויף דער וועלט געקומען די פיש,
שפּעטער זענען צוגעשטאַנען די פליגן.

געפעלט האָט יענער וואָס קען טאָן א קלאַפּ אין טיש —
איז געקומען דער מענטש וואָס קען זיך קריגן,
פון ים איז אַרויפגעשוואומען דער פיש,
ער האָט א קוק געטאָן צו דער זון;

דאָס ליכט איז געפאַלן אויף דעם וואַסער ווי אויף א טיש —
דער פיש האָט ברייט אויפגעמאַכט דאָס מויל און געטאָן א געניץ,
זון, פיש און מענטש און פליג אויף איין גרעניץ,
זיי האָבן פאַר דעם ים, זיך פאַרלוירן.

אויפגעשטעלט האָט זיך דער מענטש —
ער האָט א קוק געטאָן צו דער זון,
דאָס ליכט איז געפאַלן אויף דער גרעניץ,
געוואָרן איז דער מענטש מיד און געטאָן א געניץ,
צווישן מענטשן און פיש איז פאַרשוואונדן די גרעניץ,
ביי ביידע איין געניץ, ווי געשוואוירן.

געשוואוירן האָבן אַלע אויף דער גרעניץ —
אויף דער גרעניץ האָבן אַלע געשוואוירן צו לעבן בשלום,
צו לעבן בשלום איינער מיט דעם צווייטן,
צו לעבן בשלום און צו האַלטן זיך פונדערווייטן ...

פאַרגעס אין וואָלקן, וואַלד און ים

(געווידמעט בן גאַרווי)

אפגעפלויגן און פאַרפלויגן איז דער פויגל —
צוריקגעלאָזט א פעדער אויף דער ערד,
זינגען זינגט ער פון דער וויט דער פויגל,
מען הערט ניט מער דעם פויגל און מען הערט.

עס וואַקסט אין פעלד אויף היינט דער בוים —
זיינע צווייגן וויגן זיך,
פאַרגאַנגען איז דער רויש אין רוים,
פאַרגאַנגען אין דער גיך.

יעדעס יאָר בליט די בלום פונסניי —
זי ווערט געזען און ניט באַוואונדערט מער,
דער מענטש איז מער איר ניט געטריי,
איר שטילקייט איז צו שטיל פאַר זיין געהער.

פאַרגעס אין וואָלקן, וואַלד און ים —
שלאָג אַרויס זיי פון דעם קאָפ,
דיין ליד גלייך ניט צו דעם לאָם,
ברענג נייע קלאַנגען צו דעם טראָפ . .

זייט גרייט

זייט גרייט אַלע ווי איינער —
די שעה האָט געשלאָגן,
עס שטייט אויף דער נביא,
ער ברענגט די ברכה צוטראָגן.

ער וועט אָנקלאַפּן אין דער טיר —
אין דער פאַרבאָרגענער קאַמער,
דער קלאַפּ וועט טרעפן אין האַרץ,
א קלאַפּ ווי פון א האַמער.

אַלע וועלן הערן דעם נביא'ס וואָרט —
די רייד וועלן הערן די קינדער,
עס וועט ניט פאַרבאָרגן אים דאָס אָרט,
דו וועסט זען די שיין און דעם צינדער.

זיין וואָרט מאַכט א סוף צו די יעלות —
עס נעמט א סוף צו די טרערן,
דער נביא לייזט אויס פון גלות,
איר וועט זיין וואָרט הערן און הערן.

איך זאָמל אייך אין מיינע קינדער —
צו ברענגען אייך אין אייגענעם לאַנד,
ווו אונזערע פאַסטוכער פּאַשן די שאָף און די רינדער,
ווו מען בויט די היים מיט דער אייגענער האַנט.

גרין איז דאָס פעלד, עס גייט אויף די זריעה,
רופט אַריין דעם העלד, הערט מיין נייע שבועה.

איך גיב אַריין א נייעם כוח אין די גלידער —
אין די גלידער פון דעם העלד,
ער וועט היטן דאָס פעלד,
אין שלום וועלן לעבן די ברידער . .

מען מאכט פאר זיי א גאנצע ווארע

פארעלטערטע סחורה איז דער גאנצער פאק אמת —
אייביק ער וואלגערט זיך אויפן יריד דעם פראסטן,
אונטער די אויגן פארהאנדלט מען דעם אמת,
עס האט דעם אמת קיינער געוואויגן, קיינער געמאסטן.

אידעלע סוחרים קומען שטענדיק אמת פארקויפן —
מען מאכט פאר זיי א גאנצע ווארע,
מיט דעם אמת האנדלען זיי, קויפן און זיי פארקויפן,
ווייזן אים אפן ביט דורך א שפארע.

היינט איז אויף דעם יריד געקומען אליין דער האר —
די לייט פון דעם הויף זענען געקומען,
געקומען פון דער ווייט איז אויך דער באר,
קנעכט זענען אויף דעם יריד געקומען.

געלערנטע האבן געבראכט נייעם אמת אויפן יריד —
געקומען קויפן זענען סוחרים לערנער,
מיט זיי איז אויך געקומען דער איד,
גרייט מען פארלייגן שטריק אויפן אמת מיט הערנער.

געהאלפן ביי דער ארבעט האט די כלה —
זי איז נאכגעגאנגען פון אונטן,
דעם אמת ביים שטריק האבן געפירט אלע,
פארויס האבן געבלאזן די ווינטן.

דער איד אין דער מדבר

דעם אידן אין דער מדבר איז גוט און וואויל —
דארט בויעט ער פאר זיך א שפייכלער, א קאמער,
ביי אים איז פריי דאס ווארט אין מויל,
ער זינגט און טעסעט דעם שטיין מיט׳ן האמער.

דער איד טראגט אין הארץ דעם נביא׳ס ווארט —
אין נביא׳ס טריט גייט ער אין דער מדבר,
דער נביא האט געהייסן בויען דאס הויז אויף דעם ארט,
געהייסן אים זיין דער העלד אין דער מדבר.

די זון גייט אויף איבער׳ן פעלד —
אין גארטן וואקסט די רויז,
אין דער מדבר איז ער דער העלד,
געלאדן איז די ביקס פארן הויז.

זיין פלייצע איז פון הויז די וואנט —
דאס הויז איז פריי אן א פלויט,
מיט פרייהייט איז באגליקט דאס לאנד,
אויף דעם אייגענעם פעלד וואקסט דאס ברויט.

טראגט דער מדבר־ווינט פארביי דאס זאמד —
גייט דער איד אריין אין שטוב,
א ביקס אין א ביקס שטייען אנגעשפארט ביי׳ם ראנד,
פארשטעלן דעם שונא דעם וועג צום גרוב.

אין שטוב שטייט דער קאלטער טרינק אויפ׳ן טיש —
קומען אריין די קינדער פון דער שולע,
ליכטיק איז אין שטוב און פריש,
דאס ווייב איז אנגעקומען פון הולה ...

דער שונא שארפט זיין שווערד

(געווידמעט ש. לעווענבערג)

דער שונא שארפט די שווערד אין דער מדבר —
די שווערד שארפט דער שונא קעגן מיר,
די בלום איז גרויס אים אין די אויגן,
די בלום וואס וואקסט און בליט פאר מיין טיר.

דער שונא אין דער מדבר איז א נאר —
נעמען זאקרויב וויל ער ביי מיר,
ער שיקט זיין הארץ אנטקעגן,
מיין קויל זי קען אים טרעפן,
טרעפן קען די קויל אים טרעפן פאר זיין טיר.

פארוואר ! —
דער איד איז שארפער ווי דיין שווערד,
מיט וויטיק געשמידט איז אונזער שפיז,
מיט וויטיק און מיט פייער גייט דער איד,
עס גייט דאס קול וואס האט געשריגן,
דאס קול פון וויטיק גייט,
דאס קול וואס מען האט ניט געהערט,
דאס קול וואס איז געבליבן פארשוויגן.

דער שונא אין דער מדבר איז א נאר —
זיין בליק מעג ער שניידן שארף,
ווי דער פויגל וואס זוכט רויב,
דער פויגל דער קנעכט און דער האר.

דער שונא אין דער מדבר איז א נאר —
איך קוק אים אין די אויגן,
מיין בליק לויפט אין דער ברייט,
מיט מיר קוקן א סך אויגן,
אידן קוקן פון דער נאנט, אידן קוקן פון דער ווייט.

פארוואר ! —
עס דיין ברויט אין שאטן פון דיין געצעלט,
בלייבט דארט רואיק זיצן, זיצן רואיק קענסטו לענגער,
לענגער ווסטו לעבן אויף דער וועלט.

דער איד איז דיין שכן — לעב בשלום מיט אים אויף דער ערד,
שטעל דיין לעבן ניט אין קאן, מיט פייער איז געשמידט אונזער שווערד.

ווערט דיין קול זיך טראגן מיט גערידער —
וועלן מיר קומען פון אלע עקן וועלט,
קומען וועלן אונזערע ברידער,
מיר וועלן שלאגן דיך, שלאגן דיך ביי דיין געצעלט.

פארוואר ! —
זאג אן די קינדער דיינע — עסן זאלן זיי דאס ברויט, דאס ברויט פון זייער ערד,
דער איד האט אין ישראל געפאשעט זיינע שאף.
דאס לאנד איז זיינס,
עס האט פריער אויך צו אים געהערט . . .

דו ביסט ניט דער מורד

פאק איין דאס פעקל און פאר אהיים אויף שבת —
קום ניט צו פארן קיין ירושלים אום שבת,
אהיים פלי ניט אן אום שבת, אין ירושלים איז שבת אין שבת.

גיי אראָפּ פון דער שיף אין חיפה —
אין חיפה אנקערן די שיפן,
קום ניט אָן אהין אום שבת,
אין שבת זאלן רוען די שיפן.

קום אָן אויף דעם פלי־פעלד אין לוד —
קענסט אנקומען ערב שבת,
דער טרעגער וואַרט אויף דיין פּעקל,
דו פאָרסט קיין ירושלים אויף שבת.

אויף דעם פלי־פעלד שטייט אָפן די טיר —
פון יענער זייט טיר וואַרט אן אויטאָמאָביל,
אפצופירן דיך צו דיין אייגענער טיר,
דעם אוטאָמאָביל פירט דער בחור שמואל.

דיר גייט אנטקעגן א רואיקער טאָג —
דו מעגסט אים פאַרגלייכן מיט שבת,
די לופט שמעקט מיט האָניק ביי טאָג,
די לופט שמעקט ביי נאַכט ווי אום שבת.

דער טאָג האָט דיך געבראַכט אהיים אויף שבת —
קוש די ערד און ליב דעם טאָג,
ליב דעם טאָג יעדן טאָג,
אין ירושלים איז שבת אין שבת.

עס דיך אָן צו דער זעט —
די ערד איז דיינע, דיינס איז דאָס בעט,
פרייד איז אין דאָרף, פרייד איז אין די שטעט.

פאַרגעס אין גלות —
דאָרט איז דער איד א גייסטיקער יורד,
דו קומסט אהיים אויף שבת,
דו ביזט ניט דער מורד,
אין ירושלים איז שבת אין שבת ...

אלעקסיי וועט די פערד ניט שפּאַנען

רופט ניט מער — אלעקסיי!
דער ערל פאַרשטייט איך נאָר אויף אידיש,
פאלגן אייך אויף גויש וועט ער ניט,
אלעקסיי וועט די פערד ניט שפּאַנען;
די בויד — די געשפּאַנטע — זי וועט פון דמיון פאַרשוואונדן;
א צעבראַכענע וועט זי בלייבן ליגן, ביי די ראַנדן פון די שליאַכן.
הויך איז דאָרט דאָס גראָז געוואַקסן,
זאָל דאָס גראָז דאָרט ווייטער וואַקסן.
ראַבין סרולקע — איך דערקען ניט דיינע אידן,
זיי זענען ניט פון דאָרט און ניט דאַנען.

אפגעקילט געוואָרן איז אייער צונג,
דאָס וואָרט האָט דעם כוח פאַרלוירן,
אין דעם פרעמדן לשון קאָכט זיך ניט,
די אַרבעט איז אַרויסגעוואָרפן.
שרייט אלעקסיי —
אידן — אידן — אידן! זיי רעדן אפילו ניט ווי אידן.
שרייט דער ראַבין — אלעקסיי — קום אהער!
אפגענומען איז געוואָרן ביי אלעקסיי'ן דאָס געהער . .

שיין ווי גאלד

שיין ווי גאלד זענען אירע האר —
שטאלץ ווי קאשטאן זייער גלאנץ,
נעכטן איז זי געווארן אכצן יאר,
א מיטגליד אין כאר — גייט דעם טאנץ.

אויף פראסט אידיש הייסט זי חנה —
זי האט ניט פארדרייט איר נאמען,
אזוי האט געטאן די חברטע לאנע,
גרייט זיך חנה צו איר צו קומען.

זי וועט פארן חנה אין אייגענעם לאנד —
ווי געפארן עס איז די חברטע לאנע.
זי וועט טראגן די ביקס אין דער האנט,
זי וויל וויזן, אז זי הייסט חנה.

שטאלץ איז חנה מיט איר נאמען —
די חברטע איז זי מקנא,
זאל זי נאר די חברטע קומען,
לאכן וועלן חנה און לאנע.

צו קומען מיט דעם טאטן איז ליבער —
קומט אין גאלדענעם לאנד,
דעם גלות לאזט איבער,
פארלאזט די פרעמדע וואנט.

אין ישראל איז פאר יוגנט א „ריי" —
גליקלעך וועסטו זיין חברטע חנה,
לאז ניט איבער דעם טאטן אין „קריי",
טוט בעטן די חברטע לאנע.

האב ניט קיין מורא טאטע —
אין ישראל וועט אויך דיר זיין גוט,
וועסט טראגן א בגד אן א לאטע,
מען וועט ניט פארגיסן דיר דאס בלוט . .

גיי מיט דער זון אנטקעגן דיין פעלד

אונטער דעם שלאס זאמלען זיי שכל —
שכל ווי פולווער זאמלען זיי אין א קאמער
האק און צעהאק אזא שכל,
צעהאק אים מיט דיין שכל ווי מיט א האמער.

גענוג בלוט פארגאסן מיט אזא שכל —
פאר דורות בלייבט גארניט פארהוילן,
טויזנט יאר און מער, קיין נפקא מינה.
געשלאגן האט יענער און דער,
געשלאגן האט מען ניט נאר אין פוילן.

גיי מיט דער זון אנטקעגן דיין פעלד —
דארט אויף דעם פעלד האט געבריענט דער דארן,
מיט דיר וועט זיך פרייען די קו אין פעלד,
דו וועסט צו זעט דארט האבן דיין קארן.

דער וועלט זיי מוחל אל דאס בייז —
ביי זיי בלייבט עס פארשלאסן אין קאמער,
עס וועט זיי בריען און זיי וועט זיין הייס,
נעם מיט די שליטה איבער דעם האמער.

א גוטער סימן

דער נביא האט געשיקט זיין ווארט צום פאלק —
היט זי, היט אים, היט זיך,
זאל פריילעך זיין דאס פאלק,
צום פאלק געהער אויך איך.

ער פירט דאס פאלק צום זיג —
ער גייט פארויס פאר אייך,
ער גייט אויף א פעסטער בריק,
אונטער אים איז פול דער טייך.

ער האט געבראכט אייך אין אייגענעם לאנד —
אייך געבראכט צו אונזער ארבשאפט,
צו איר געשטרעקט האט איר די שטארקע האנט,
באגאסן האט איר מיט פרייד די ארבשאפט.

צאלט ציגז דעם נביא, איר זענט זיין פאלק,
לויבט דעם נביא, לויבט אים מיטן כוח פון א פאלק.

זאל פארהיילט ווערן די וואונד אין דיין הארץ —
דאס הארץ האט געבלוטיקט אין חורבן,
אויף דער האנט דער צייכן איז שווארץ,
עס איז דער צייכן פון א קרבן.

דאס איז דעם נביא׳ס ווארט —
די וועלט וועט צאלן דעם לוין,
היטן זאלט איר דעם נביא׳ס ווארט,
היטן ווי א קרוין!!!

אן׳אויסגעטראכטער פויגל

אן אויסגעטראכטער פויגל דארף אויך פליען —
פליען דארף ער פליען איצט דער פויגל,
פון דעם הערצל־בארג א פלי טאן צו דעם ציון.

יונג איז דער פויגל און ער איז שטארק —
דארף ער צעשפרייטן ברייט די פליגל,
וועט קורצער ווערן דער וועג צום בארג.
— דער פויגל וועט אונטערוועגס ניט רוען —
ער דארף ברענגען א גרוס דער פויגל,
צו די העלדן וואס ליגן אויף דעם ציון.

ניט אליין וועט דער פויגל פליען —
די זון וועט באגלייטן דעם פויגל,
די זון וועט ווייזן דעם וועג צו דעם ציון.

די העלדן וואס רוען אויף דעם הערצל־בארג —
זיי זענען געפאלן אין דער שלאכט,
געשלאגן האבן זיך די העלדן אויף דעם ציון־בארג.

בלומען וואקסן וואו די העלדן רוען —
די מאמע גיסט וואסער אויף די בלומען,
זי גיסט וואסער די בלומען זאלן בליען.
וואסער קריגט דער פויגל פאר דעם פליען —
טרינקט זיך אן דער פויגל,
און ער פליט אוועק צום ציון.

נאקעט איז דעם מענטשנס פוס

דער מענטש האט דעם מענטש נאך ניט דערקענט —
אפגערוקט איז ער ווייט פון זיין ברודער,
דער וועג צו אים פארוואקסן איז מיט דערנער.

אלע הענט אויסגעשטרעקטע —
זיי וועלן ניט דערלאנגען,
פון דעם מענטש צו דעם מענטש.

די אייגענע צוויי אויסגעשטרעקטע הענט —
הענט פון דער נאנט,
מיט זיי נעמט דער מענטש ארום דעם ברודער,
ווי אן אקס נעמט אן אקס ארום מיט די הערנער.

דער מענטש האט דעם מענטש נאך ניט דערקענט —
אפגערוקט איז ער ווייט פון זיין ברודער,
דער וועג צו אים פארוואקסן איז מיט דערנער,

נאקעט איז דעם מענטשנס פוס,
זיין טראט איז נאך היינט ניט זיכער.
עס לויערט די ווילדע חיה אויף דעם וועג —
דער מענטש מיט דער ביקס לויערט,
דער ברודער לויערט אויף דעם ברודער.

דער וועג אין דער הויך איז ניט זיכער —
די באמבעס פליען צו די ברידער,
זיי טראגן זיך שנעלער ווי דער וויכער.

עס האט דער מענטש דעם מענטש ניט ליב —
דער האס איז צו דעם לעבן,
דער האס איז צו דעם גריב . . .

דאס שטערנטיכל

דאס שטערנטיכל טראג געזונטערהייט —
טאכטער ציון טייערע,
דאס איז מיין לוין,
א שטיק געזונט קומט צו דיין מאמען,
ביזט אויף מיין קאפ די קרוין .

אויף אידיש האט דיין מאמע דיך געכאוועט —
געארבעט האב איך שווער,
דער טאטע האט פערד געקאוועט,
דיך האב איך געלערנט אידישקייט,
מיין לעבן אין גלות איז געווען ביטער,
און לאנג איז געווען דער גלות,
דיין מאמע האט בושה געליטן פון די ריטער.

ווי שיין דיר פאסט דאס שטערנטיכל —
טאכטער ציון טייערע, דאס פארשאפט דיין מאמען א סך פרייד,
רעד מיט דער מאמען אויף אידיש, לאמיר הערן די גאלדענע רייד.

איך קום צו דיר אין דער מדבר —
טאכטער ציון טייערע, מאך אויף ברייט די טיר פון דיין הויז,
טו דיר אן דאס שטערנטיכל,
זאל דיין מאמע זען, ווי עס איז מקוים געווארן,
אז אין דער מדבר וועט בליען די רויז.

נאר איין שאל האט דיין וואג

(געווידמעט יואל צאנג)

צווי זאכן קריגסטו ירושה פון דיין טאטן —
דעם טאג פון דיין לעבן, און די שפראך פון דיין מויל,
צווי שאלן פון איין וואג.

דו האסט גענומען דעם טאג —
אוועקגעווארפן האסטו דיין שפראך —
אבער מיט דעם טאג איז קיינער ניט זיכער,
פארלאז דיך ניט אויף די טעג,
ווייל דער טאג פארשוואונדט ווי א וויכער.

געווען אן אמת׳ער איד דיין טאטע —
א איד פון אידיש־לאנד,
מיט זיין גאנצן לעבן האט ער ליב געהאט אידיש,
געווען איז אידיש דיין טאטנס רעכטע האנט.

דיין טאטנס טאג איז געווען א גאנצער טאג —
געווען איז אידיש זיין גייסטיק פארמעגן,
צווי שאלן האט געהאט דיין טאטנס וואג.

דו האסט מער ניט קיין שליטה איבער דעם טאג —
נאר א העלפט איז דיר געבליבן פון דיין טאטנס ירושה,
דיין טאג איז שוין מער ניט קיין אידישער טאג.

דו זעסט ווי ער גייט אוועק דער טאג, און דו בלייבסט אליין —
נאר איין שאל האט דיין וואג ...

דאס קול בלייבט הענגען אין דער לופט

דער פעטער שלום קלויבט זיך צו פארלאזן די אלטע היים —
די גאנצע משפחה האט צוואויסן געטאן,
מיר פארן קיין מדינת ישראל.

מען גייט זיי אנטקעגן צום עראפלאן —
סע גייט דער פעטער דוד, דער זיידע יצחק גייט אויך,
איבער די זאמדן באגלייט זיי דער ווינט.

קיינער איז ניט געקומען צופארן מיט דעם עראפלאן —
הויבט מען אן פרעגן, דעם, יענעם,
א צווייטן, א דריטן —
וואס איז געשען?
קיינער האט ניט געהערט, קיינער האט ניט געזען.

געקומען צו לויפן, צופליען איז די טאכטער רות —
איך האב געהערט, אז אין חיפה פארפארט א שיף,
זיי וועלן אודאי אויסשטייגן דארט —
לויף משה אהין, לויף מיט דעם שרות!

זאלס זאגן אלע זאלן הערן —
די מומע גאלדע האט אפן געלאזט די טיר,
זאל מען אריינגיין אין שטוב, אויסרוען די מידע ביינער.

ווי איז מיר —
זיי זענען נעבאך איבערגעשראקן,
א קלייניקייט — זיך ראטעווען פון אזא גיהנום —
שרייט די טאכטער רות ...
דאס קול בלייבט הענגען אין דער לופט —
סע הערט ניט קיינער ...

דא זאָל נישט בלייבן דיין טריפה געביין *

נאָך דיין משפט זאָל דא נישט בלייבן דיין טריפה געביין!
פון דעם לאנד פון אונזערע אבות,
פּאַרזייט מיט דער פרייד פון אונזערע הייליקע זין און טעכטער,
זיי וואס האבן אויפגעאקערט אונזער ערד מיט שוויס געלעכטער און מיט געוויין,
פון דאנען טראג אייכמאן אוועק דיין טריפה געביין.
מיט אלע זיבן קללות,
איבער אלע ימים,
בערג און וועלדער,
טאלן און פעלדער,
לויף און טראג
דיין קללה פון דיין פאלק,
וואס האט דיך געבוירן
צו זיין דער מערדער פון א דריטל פון אונזער פאלק,
לויף מיט די זיבן קללות, פון אונזער געצעלט,
נעם זיי מיט פון דאנען אויף דיין וויטן וואנדער־וועג, דו רוצח!
גיי פון דאנען אייכמאן, טראג דיין משפט — א סימבאל
פון דאנען ביז אלע עקן פון דער וועלט ...

* דאס ערשטע ליד—פארעפנטליכט דעם 8־טן יוני 1960.

אן א קלייד אויף זיך

אויף דעם וועג לויפט דער אמת,
אן א קלייד אויף זיך.
קומט אנטקעגן אים דער שניטער,
מיט דעם שארפשטיין ביי דער דיך.
אנטקעגן ווינט שטייען ביידע,
מיט א מאדנעם שוויגן.
בליצט די קאסע —
פאלט דער ווינט, צו די הויכע זאנגען.
וויגט א זאנג זיך, דעם ווינט זי וויגט —
זי וויגט אים איין, זי וויגט אים אויס —
בלייבט איינגאנצן שטיל די עדה.
קוקט דער אמת ווי אויף ס'חידוש,
קוקט אין פנים אים דער שניטער, אים דעם בייזן —
לאז די קאסע מער ניט קרייזן!
שלעפּ דעם שארפשטיין ניט ארויס . .

אראפּגעלאזטע הענט

די מאמע אידיש איז געקומען אויף דער אסיפה —
זי קומט פון מדינת ישראל דורך אן אפענער טיר,
די מאמע אידיש האט מיטגעבראכט א תרופה,
וועלן אלע גייען „א פריילעכס" מיט איר.

די מאמע אידיש זעט גוט אויס, קיין עין הרע —
די קינדער האט זי גוט פארזארגט,
דער עלטערער זון ארבעט ביי די מויערן,
דער יונגערער זון היט די טויערן,
דער אידעם ארבעט אין פעלד,
די טאכטער לערנט מיט קינדער אין שולע,
דאס אייניקל האלט דעם שליסל צו דער קאסע מיטן געלד,
אן אוראייניקל שרייבט לידער צום לאנד און צום העלד.

די מאמע אידיש קומט אייך זען אויף דער אסיפה —
זי וויסט אז איר האט ניט אפגעהיט די ירושה,
זי איז ניט געקומען מיט ליידיקע הענט,
די מאמע אידיש וועט אין גלות אייך איבערלאזן די תרופה
שעמט אייך ניט פאר דער מאמע אידיש —
זי זעט די ליידיקע ווענט,
צו בושה איז געוואוינט די מאמע אידיש,
זאגט איר צו, אז איר וועט ניט אראפלאזן די הענט.

אויס תחום

(געווידמעט לילי פאקס)

מען מעסט ניט מער דעם מהלך —
אויס תחום, אויס אידיש,
אויס אות, אויס יחוס,
צו דער חתונה קומט דער גלח.

מען מעסט ניט מער דעם מהלך —
אויס תחום, אויס שבת, אויס יום טוב, אויס בר־מצוה, אויס בשלח.

מען מעסט ניט מער דעם מהלך —
אויס תחום, אויס בושה, אויס דרך ארץ, אויס חשבון, אויס גוטער מלאך.

מען מעסט ניט מער דעם מהלך —
אויס תחום אויס מזל טוב, אויס סימן טוב, אויס הבדלה,
אויס ברכה אויף דער פולער וואך.

מען מעסט ניט מער דעם מהלך —
אויס תחום, אויס שמש, אויס בעל קורא, אויס בענקל אין הימל,
אויס שטול אין גן־עדן.

מען מעסט ניט מער דעם מהלך —
אויס תחום, אויס שטעטל, אויס פאריין, אויס פאלקס־ליד,
אויס מהלך . . .

דער וועג אהין איז ניט ווייט

שטרעק אויס דיין האנט צום הארץ פון דיין לאנד —
נעם דארט ארום דעם בוים, די בלום און דעם העלד,
די מוטער און דאס קינד נעם ארום מיט דער האנט,
העלף אפרייניקן די שטיינער און פארזייע דאס פעלד.

פאר אהין און נעם מיט די בויד —
פאר מיט דער שיף,
קענסט קומען מיט אן עראפלאן,
פארגעס ניט יענע אן דער הויט,
זיי זאלן זיין אפגעשייד.

פיר דאס פערד ביים צוימל —
דאס פערד וועט גיין געלאסן,
עס וועט ניט איילן, ווי דער אדלער,
ווי אן אדלער וואס איילט נאך רויב,
נעם מיט דאס גאנצע דרויב.

איינעם, ווי דאס פאלק, וואקסן די זאנגען —
שטרעק אויס צו זיי דיין האנט,
דער ערד זאלסטו וואסער דערלאנגען,
דערלאנגען וואסער מיט דער פולער האנט,
דאס פאלק וועט וואקסן, וואקסן וועלן די זאנגען . . .

ווארף דיין בליק העכער דער מויער

(געווידמעט ירמיה העשעל)

דארט שלעפט זיך דיין שאטן אליין —
אויך דא איז שאטן ניט הויך,
דא איז די מויער צו קליין,
דארט איז מויער צו הויך.

דיין טראט גייט ניט פארויס —
ליגט שאטן דעם שאטן אין וועג,
צווישן מויער און שאטן דער בלויז,
דעם שאטן ליגט שאטן אין וועג.

ווארף דיין בליק העכער דער מויער —
דעם וועג פארלויפן וועט שאטן,
ארומנעמען וועט שאטן די מויער,
שוועבן איבער מויער וועט שאטן.

שוועבן וועט שאטן איבער אלטן געסל —
שוועבן איבער דעם חורבן דאך,
דערציילן זיי די מעשה פון שמעלץ־קעסל,
לאז שאטן פאלן פון דאך.

שטייגט דיין בליק לויטער און ריינער —
דעם קאפ אין דער הויך טראגט שאטן,
פעסט שפאנט דיין פוס איבער שטיינער,
איבער שטיינער שפרייזט ווייטער דער שאטן . . .

מער ליכט אויף דער עקידה

הויך אין הימל איז ווייס דאס פעלד —
גרינגער אש און שיטער די ערד,
דארט וואקלט זיך דיין געצעלט,
דאס ווארט קומט ניט צו דער ערד.

שרייט דער כופר אויף זיין קול —
איך געבונדן האט מען מיט דעם ווארט,
געבונדן איך די הענט, און פארמאכט דאס מויל.

ווארפט דער כופר זיינע פיילן —
געצילט צו אים אליין,
איך מאך דעם הימל פאלן, ער קען דיין פעסטונג מער ניט זיין.
שרייט דער כופר אויף א קול —
הערן זאל די עדה, איך וויל ברענגען ליכט,
מער ליכט אויף דער עקידה.

דו האסט ווידערשפעניקט קעגן אונזער ארבשאפט —
שרייען שרייט די עדה,
ווידערשפעניקט האסטו קעגן עיקר,
דער איד איז אייביק, אייביק איז זיין עקידה,
דו ביזט א כופר בעיקר.

עס איז א חלול השם —
עס וועט ניט מוחל זיין די עדה,
נעם די בושה נעם,
געבליבן איז דער כופר מחוץ לעדה.

ס'איז הייס מיט דער זון אינדערמיט

די שאף איז אין כעס אויף דער זון אין פעלד —
דארט האט מען באהאלטן דאס וואסער אין קרוג,
די זון ברענט מיט דער היץ פון א העלד,
דער פאסטוך אין שאטן האט אויך זון גענוג.

בייטאג קערן זיך אהיים אויך די קינדער —
און ברענגען מיט זיך מער זון פון דער גאס,
דער פאסטוך טרייבט אהיים די שאף און די רינדער,
אונטער די הענט טרוקנט דאס ארט וואס ווערט נאס.

נאר אין די קילע אונט־שעה'ן באזינגט מען די זון —
און מען בענטשט די ביימער ביי די וועגן;
כלה־באדעקנס גלאנצן אונטער דער זון,
ווי אויך די פאלמע בלעטער, וואס ציטערן פאר א רעגן.

צו ליבע, ווי צו דער זון, קוקט מען אין די קבוצות —
זי איז צו הייס און זי איז צו מעכטיק,
איינגעטונקען אין זון זענען די חלוצות,
און נאר פון דער וויטנס איז זון אזוי פרעכטיק.

רייטער און אייזל זענען דורשטיק —
גייט אזוי אייזל טריט ביי טריט,
די פליגן באגלייטן זיי ווי אין א קריג,
עס איז הייס מיט דער זון אין דער מיט ...

הערן זאל דער איד

שבת איז שבת פאר דעם איד —
שבת ווערט ניט מיד דער איד,
די שבת־מלכה געהער דעם איד.

א חתן קען זיין נאר א איד —
ניט יענעמס איד, ניט דעמס איד.

א טערק איז א טערק —
א רוס איז א רוס, א איד איז א איד.

העברעאיש רעדט א איד, דער אייביקער איד.
רעדן אידיש רעדט א איד —

א מלך איז שבת דער איד —
דעם שבת באגלייט דער איד,
דאס קינד אין שטוב וואקסט א איד.

א פאסטוך אין פעלד איז דער איד —
די שאף היט דער איד,
די זון אין מזרח ברענט אין פנים פון דעם איד,

שטיינער האקט דער איד —
הייזער בויעט דער איד, דער איד ווערט ניט מיד.

אין כנסת זיצט דער איד —
געזעצן פאר דעם איד מאכט דער איד,
צום ים כנרת שעפן לופט פארט דער איד.

צו'ם כותל מערבי גייט דער איד,
צום איד קומט די שבת־מלכה,
די נאכט שרעקט ניט מער דעם איד ...

א שבח דעם אידן פון מיין שטעטל

(געווידמעט שמעון שייערמאַן און זיין פרוי געניא)

איך זאָג נאָך א שבח דעם אידן פון מיין שטעטל —
א איד מיט ברייטע פּלעצעס פאַרשטעקט אינ׳ם גאַרטל,
מיט ליכט אין די אויגן און א באָרד געבויגן,
ער איז ביט געגאַנגען נאר געפלויגן.

ער האָט שווער געהאָרעוועט פאר זיין ווייב און קינדער —
וואָס איז פון זיי אַלע געוואָרן אצינדער?
ער האָט יעדן געוואונטשן מזל און ברכה,
און אליין ניט תמיד געהאַט קיין הצלחה . . .

ער האָט געקויפט פלאַקס און שיש און ווייץ —
געהאַנדלט אויף נאמנות מיט פויערים און מיט אידן,
געגעבן האָט ער צדקה מיט א ברייטער האַנט,
מיט זיין גורל האָט ער געפּרוּווט צו לעבן אין פרידן.

איך זאָג נאָך א שבח דעם אידן פון מיין שטעטל —
א איד מיט ברייטע פּלעצעס פאַרשטעקט אינ׳ם גאַרטל,
האָט פּלוצים דערזען דעם טויט אין מיטן העלן טאָג,
ער איז מער ניט געלאָפן, ניט געפלויגן.

איך זאָג נאָך א שבח דעם אידן פון מיין שטעטל —
נאָכגעלאָזט די פּלעצעס, נאָכגעלאָזט דער גאַרטל,
געטריבן האָט אים דער סאָלדאַט מיט א ביקס מיט קוילן,
ער האָט אים פאַרטריבן פון זיין היים אין פוילן.

געפירט א לעבן האָט דער איד ווי א העלד —
געגאַנגען דורך פייער און בהלות,
האָבן היטלער־מערדער געמאַכט א סוף צו זיין לעבן,
געמאַכט א סוף צו דעם אידן אינ׳ם גלות.

איך זאָג נאָך א שבח דעם אידן פון מיין שטעטל —
א איד מיט ברייטע פּלעצעס פאַרשטעקט אינ׳ם גאַרטל,
ניטאָ מער דער איד, ניטאָ מער דאָס שטעטל,
אויף דער קופּע געבליבן ליגן איז א גאַרטל אויף א גאַרטל.

בעיר הקודש

(סאָנעט)

ביי׳ם כותל מערבי שטייט דער איד און זאָגט תהילים —
ער גיט אָפּ שלום דעם פרעמדן און דעם אייגענעם אין לאַנד,
מתפלל זיין זאָל מען ביי דער הייליקער וואַנט.

דאָרט זענען קוילן געפאַלן און פאַרוואונדעט דעם העלד —
דער בביא האָט אָפּגעווישט דאָס בלוט פון דער וואונד,
א טרייסט וואָרט איז אויפגעגאַנגען אין פעלד.

מיט נייער גבורה שטאַרק איך די ברידער —
פון דור צו דור זאָלן זיי טראָגן די רייד פון מיין מויל,
ביי דעם כותל מערבי וועט מער ניט פאַלן די קויל.

זאָלן די פעלקער קומען תפילה טאָן —
אויף דעם הר ציון, הר הזיתים, הר הצופים,
דאָרט טוט ליבשאַפט בליען.

פון רוסלאַנד וועט קומען די כלה, ווי פון ארם נהרים,
ס׳וועלן איר אנטקעגן גייען די אידן פון גאַנץ ירושלים.

די נייע ווינטן בלאזן צו שטארק

ווארפט דער ווינט דעם שטויב פון זיך —
ציט די ערד דעם ווינט צוריק.
פאלט דער פאסטוך אויף די קני —
פייפט דאס פייפל צו דעם ווינט;
קומט די סטאדע אנצולויפן —
לויפט די סטאדע פון דעם ווינט.
רופט דער פייף זיי נענטער, נענטער,
טראגט דער פייף אוועק דעם ווינט.
לויפט דער פייף און טראגט אים ווייטער —
פון א סטאדע, צו א סטאדע,
פון א פאסטוך, צו א פאסטוך,
פייפן פאסטוכער צו דעם ווינט;
שרעק די שאף ניט איבער —
עסן ווילן שאף און רינד.
קוקן אויגן צו דעם ווינט —
קוקט א שאף, קוקט א רינד,
לויפט זיי נאך דער ווינט.
פייפט דער פאסטוך צו דעם ווייב —
הויבט דעם שטעקן צו דעם הימל,
רויט דער הימל, גרין די פעלדער,
לויפט דארט אום דער ווינט.
גייט דאס ווייב דער שוועל אנטקעגן —
הערט דעם קלאפ אין טיר,
שרייט דער פאסטוך, שרייט דער העלד,
עס האט דער ווינט צושטארק געבלאזן,
דערשראקן האט זיך שאף און רינד . . .

די לבנה אין פעלד

דער וועג איז מער ניט פארשטעלט —
פריי איז דער וועג צו דער לבנה,
פאר דעם פליער פריי, פריי פאר דעם העלד.

געזונגען האט דער העלד געזונגען —
די לבנה אין פעלד,
די לבנה גייט ניט אונטער, עס איז די זעלבע וועלט.

די לבנה איז אליין דאס פעלד —
די לבנה איז די לבנה פון דער וועלט,
זי איז שיין די לבנה.

די בערג פון דער לבנה זײַנען בערג פון דער וועלט —
די בערג זײַנען מער ניט פארשטעלט,
גרויס איז די לבנה אויף די בערג.

דער טאל אויף דער לבנה איז דער טאל פון דער וועלט —
דער טאל אויף דער לבנה איז מער ניט פארשטעלט,
טיף איז דער טאל אויף דער לבנה.

די לבנה אין פעלד —
קאלט איז דאס פעלד, קאלט.

די לבנה איז געווארן אן אייגענע וועלט —
די לבנה אין פעלד איז דער שאטן, א זילבערנער קאפ,
דער זילבערנער קאפ פון דער גאנצער וועלט . . .

דו האסט דעם קלאפ ניט געהערט

פון יענער זייט טיר שטייט דאס ווארט —
עס קען צו דיר ניט קומען,
סע האט איין זיבען ווער פארמאכט די טיר.

עס איז דאס ווארט דיר נישט באשערט —
אויפגעגאנגען איז דאס ווארט,
און א זיי געזונט,
געלאזט אליין אין שטוב דיך זיצן,
אין גאס דיך ניט באגלייט.

דו קוקסט אהער,
דו קוקסט אהין,
עס איז דאס ווארט,
דאס ווארט גייט אויף דער אנדערער זייט.

עס האט אויסגעמיטן דיך —
עס האט אויסגעמיטן דיין טראט,
אונטער אים דאס ארט.

דערהערט האט דאס ווארט —
דערהערט דעם פאלשן טראכט אין דיר,
עס האט איין זיבען ווער פארמאכט די טיר,
פארמאכט די טיר אויף גיך —
דו האסט דעם קלאפ ניט געהערט.

דער נאקעטער מענטש מיט דעם געווער

ווען אין ליד פאלט צו די נאכט —
ווערט פינסטער אין דעם חלום,
ווירקלעכקייט איז דא, געדאנק איז דערטראכט,
דו און ווירקלעכקייט מאכן שלום,
די לבנה איז ניט ווייס, נאר בלא.

די אמת'ע מעשה איז דא —
ביי'ם טיש שטייט ער, ער שטייט און ציטערט פאר בושה,
דער נאקעטער מענטש מיט דעם געווער,
עס איז אים וואך דאס געהער,
ער היט דאס לאנד זיין ירושה.

עס קומען אריין סאלדאטן —
צוויי מאל צו פיר, זיבן זין מיט איין טאטן,
זיי עסן רייז אויף אלע פיר.

די ברידער זעבען גרייט צו טרעטן אין פייער —
גייען אין פייער פאר דעם לאנד,
גייען אין פייער פאר דעם טאטן,
דאס אייגענע לעבן איז ניט טייער.

א פרעמדער סאלדאט איז געקומען מאכן דאס פייער —
ער שיסט אויף די ברידער די סאלדאטן,
ער שיסט אויף דעם טאטן,
דעם פרעמדן סאלדאט איז גארניט טייער, אין דעם פרעמדן לאנד,
א חוץ די קויל, וואס טוט א ברי ווי פייער,
און ווארפט אים ארויס דעם חלום פון דער האנט ...

וואלגערט זיך א שטיינדל ביי דעם טייך

וואלגערט זיך א אידיש בוך —
אין דער אידישער שפראך,
אין דער ענגלישער שפראך,
געטריבן זיי ווערן פון ווינקל צו ווינקל,
אין דעם געוועלבניקס קיניגרייך.

חלילה ניט ארויסוואַרפן מען זאל זיי —
אַרויסוואַרפן אין דרויסן,
אין דרויסן אויף די שטיינער,
סע וועט זיך ניט אומקוקן קיינער.

וואלגערט זיך א שטיינדל ביי׳ם טייך —
וואלגערט זיך דאס אידישע בוך,
פאַרוקט אין דער טונקל.

א אידיש בוך אין דער אידישער שפראך —
א אידיש בוך אין דער ענגלישער שפראך,
צוזאמענגערוקט האט מען די ביכער,
זאלן זיי זיך דערמאנען אין דעם אלטן גערודער,
ווען איינער איז געווען אָרעם,
דער אנדערער איז געווען רייך.

וואלגערט זיך א שטיינדל ביי׳ם טייך —
וואלגערן זיך די ביכער,
אין צווייען טראגן זיי דעם גורל,
דעם ביטערן גורל פון די תפוצה־ברידער . . .

לאזט אונזערע שורות פריי

אונזערע שורות ווילן מער דעם יאך ניט טראגן,
דער כוח איז זייערער —
לאזט זיי לויפן פריי.

זעט איבער דעם אינהאלט פון אונזער ליד,
שיקט אייער בענקשאפט מער ניט צו די שטערן.

לייגט ניט אריין דעם קאפ אין די וואלקן —
לאזט די לבנה שוויגן,
זי פאסט היינט ניט צום דומל.
הערט דעם רוף פון אונזער צייט.
שטעלט א פוס פארויס,
דאס דאזיקע זאלט איר אויך צו אנדערע זאגן.
אויף צווויי און צוויי לייגט ניט מער דעם דרוק,
אונזער חשבון איז היינט אן אנדערער —
ניי איז דער אינהאלט היינט פאר אונזער ליד;

איינצעלנע לייגט אוועק די שטיקלעך —
דאס איז היינט דער עיקר;
זייער אויסזען מוז זיין אידיש,
לאזט די אפטריניקע ביי דער זייט.

שטארקט דאס פאלק אומעטום —
פירט צו זיי אייער ליד צוריק . . .

אדלער אין לאנד

(סאנעט) (געווידמעט לייב ראכמאן)

אויף דעם פעלז בויעט דער אדלער זיין נעסט געשיצט פון די פליגל —
מיט די הענט שיץ איך מיין היים און מיין לאנד,
אויף די פעלזן האב איך פארלייגט די ריגל.

דער אדלער פליט אוועק און קומט צוריק צו די פעלזן —
פאר מיר האט מען טיר און טויער פארמאכט אין בערגן בעלזן.

איך און דער אדלער שיצן די ניי געבוירענע אין לאנד —
איבער זיין נעסט שפרייט דער אדלער די פליגל,
איבער מיין הויזגעזונט שפרייט איך די האנט.

איך שיץ ירושלים און די הייליקע וואנט —
די אדלער אין זייערע נעסטן, קרוינען אויף די פעלזן,
מיר האבן ניט קיין מורא.

איך און דער אדלער האבן די בכורה —
מיר זיינען שטאלץ מיט אונזער גבורה,
איך און דער אדלער גייען אויף א פשרה . . .

זינגען מיר צו זיי

קלינגען זאל דאס ליד און רופן יענע פיר —
די פיר גלידער פון אונזער גוף,
זאלן זיי קומען צום גרואנג פון די אונטער-לידער,
יענע פיר ברידער וואס וואגלען מיט זייערע לידער,
פאר די טירן פון אונזערע ברידער וואגלען זיי,
און זיי קענען ניט הערן דאס ליד פון די לידער.

זאלן זיי אויפהערן צו טראכטן פארקערט —
אונזערע פיר ברידער,
די גאר פרומע,
די גארניט פרומע,
די האלב ניט פרומע,
די גאנץ ניט פרומע,
אלע פיר קרומע ברידער, זאלן זיי אויפהערן צו טראכטן פארקערט.

קלינגען זאל דאס ליד און רופן יענע פיר —
קומען זאלן זיי פון דער פרעמדער ערד,
וואו עס וואלגערן זיך די ברידער,
די גאר פרומע ברידער,
די גארניט פרומע ברידער,
די האלב ניט פרומע ברידער,
די גאנץ ניט פרומע ברידער,
זאלן זיי אויפהערן צו טראכטן פארקערט.

זאלן זיי הערן אונזערע פיר ברידער —
די פיר גלידער פון אונזער גוף,
מיר זינגען אן זיי,
אן זיי זינגען מיר אונזערע לידער,
אונזערע נייע לידער, זינגען מיר צו זיי.

זיי זאלן הערן די נייע לידער —
פאר די טירן פון אונזערע ברידער,
זינגען מיר דאס ליד פון די לידער, זינגען מיר צו זיי . . .

גיב דער האנט דיין פאן א צייכן

מען גרייט פאר דער לבנה א דאך —
פאר דער זון און פאר דעם אמת ניט!
זיי היימען ביי דיר אויף דעם דאך,
דיין הויז שטייט צווישן זיי אין דער מיט.

דיין פענצטער אין הויז שטייט אפן —
די שייבלעך דארט זענען קליין,
זיי זענען מיט זון פארלאפן,
עס קוקט אריין דער אמת אליין.

צו דיר רעד דער אמת אין זיין שיין —
ער רופט דיך אין גארטן ארויס,
ביי׳ם ליכט פון דער זון בלייבסטו שטיין,
צו מעסטן דעם בוים אין זיין גרויס.

פון דיין רעכטער זייט בוים האק אויס א האנט —
גיב דער האנט דיין פאן א צייכן!
דיין פאן מיט זון און מיט אמת ביינאנט,
טראגן זאל האנט פון אידן א צייכן.
מאן חוב פאר דיין צובראכענעם דאך —
פאר דער זון און פאר דעם אמת ניט!
זיי היימען ביי דיר אויף דעם דאך,
דיין הויז שטייט צווישן זיי אין דער מיט...

גים דעם ווין מיט דער פולער האנט

געכאפט האט דוד דוד׳ן ביי דער האנט —
געזאגט האט שלום איינער צו דעם צווייטן,
גיס אן דעם ווין מיט דער פולער האנט,
גיס דעם וויך ווי אין אלטע, גוטע צייטן.

ווידער גייט אויף אין פעלד אונזער זריעה —
אויפגעגרעכט איז אונזער לאנד,
מיר זענען אויסגעלייזט פון דער שקיעה,
אויסגעלייזט איז די רעכטע האנט.

רופט דער ברודער דוד פון דער תפוצה —
געכאפט האט ער דעם ברודער ביי דער האנט,
פאר דיר געוואקסן איז די קבוצה,
דו מיט דיין כוח פארפעסטיקסט אונזער לאנד.

אויך פאר דיר דוד איז דאס פעלד —
געכאפט האט ער דוד׳ן ביי דער האנט,
בויע דוד דיר א ניי געצעלט,
א געצעלט אין דעם איגענעם לאנד.

שטרענגע רייד גערעט האט דער נביא —
דו טארסט ניט פרעמדע געטער דינען,
צוגזאגט האט אויך אונז דער נביא,
עסן וועט איר האניק פון די בינען.

שטרעקט די צווייג זיך אין דער ברייט —
טוט דער שטאם זיך שפרייטן,
שטיי ניט דוד פון דער ווייט,
קום טאן ארבעט פאר דיר און פאר א צווייטן...

דער איד אויף סאוויעטישער ערד

אויף דיין סאוויעטישער ערד איז דער איד א גיבור אין א קייט —
ניט פאר אים איז די נייע צייט, ניט פאר אים איז דאס גרויסע ליכט.
די עלנטקייט באפאלט נאך אלץ דעם איד,
דער באגער נאך פרייהייט דריקט נאך אלץביים הארץ,
אפגעריסן פון זיין פאלק איז דער איד ביי דיר.

אויף דיין סאוויעטישער ערד איז דער איד א גיבור אין א קייט —
פארוואגלט איז ער אין א פרייעם לאנד,
דיך האט מען אין קנעכטשאפט געהאלטן פריער,
איך וויל אויך באפרייט ווערן אינאיינעם מיט דיר.

איליטש דער גרויסער באפרייער פון קנעכט —
ער האט פאר דיר געעפנט די טיר,
נאר פארמאכט איז געבליבן די טיר פאר מיר,
עס זינגט ניט פון פרייד און פון פרייהייט מיין ליד.

מיין פאלק שיקט א רוף צו דיר —
נוץ ניט די בייטש אויף מיין רוקן,
באפריי דיין קנעכט דעם איד,
זיין רעכטע האנט זאל ניט בלייבן טרוקן.

נעם אראפ פון דעם גיבור די קייט —
לאז אים גייען צו זיין פאלק,
אינאיינעם וועט אויפגייען זייער פרייד,
אויפגייען וועט אויך דאס אידישע ליד,
און אפקלינגען ביז אויף דער סאוויעטישער פרייער ערד...

לאמיר אנהייבן פונדאסנייע

(געווידמעט יוסף הלל בינענפעלד)

זינג ניט צום ווינט אין דיין ליד —
דאס אידישע ליד איז אין גלות א געשלאגענער הונט,
האב רחמנות אויף דעם אידישן ווארט,
רייס ניט פון אים די הויט אומזיסט,
אין גלות איז דאס אידישע ווארט במילא פארן ווינט.

שלייף ניט און פוץ ניט און פייל ניט דאס אידישע ווארט —
שלייף ניט דאס ווארט קיילעכדיק ווי א נוס,
גראב עס ניט אויס פון אונטער דער ערד,
די זאך איז פונקט פארקערט.

דאס חיהלע וואס שפרינגט ארום אויפן בוים —
מיט אן אויג שענער ווי א פלוים,
קלויבט פולע ניס און שפילט זיך ניט מיט זיי,
זי גרייט אן די ניס פארן ווינטער,
זי קנאקט זיי ווען עס פאלט א שניי.

לאמיר אנהייבן פונדאסנייע —
לאמיר איבערבויען דאס ליד,
זאל דער נייער איד זיין א העלד אין דעם ליד.

היינט טראגט דער איד די זון ווי א קרוין אויפן קאפ —
די זון איז ניט אין גלות ביים איד, ניט ביי אים און ניט ביי איר,
די זון גייט ארויס און אריין דורך אונזער אפענער טיר.

פרילינג אין יאר 1966

אין פעלד איז גוט צו ליגן ווען די זון גייט אויף —
הײנט, מארגן, איבערמארגן און אויף דער נייער וואך,
פארמעסט זיך אין פעלד די שיין מיט דיין בליק,
דו קוקסט ארויף און ווילסט וויסן ווער וועט געווינען דעם קריג.

די שיין איז אוועק אויף די פליגל פון דער פלי־מאשין —
אט שפארן זיי אן אויף דער לבנה,
אט באגעגענען זיי זיך אויפן „ווענוס",
הײנט, מארגן, איבערמארגן און אויף דער נייער וואך, וועלן זיי זיין צוריק.

אין פעלד איז גוט צו ליגן ווען די זון גייט אויף —
דו ליגסט רואיק און ניט פארטראכט, ווי אמאל,
דו קוקסט אריין אין א בוך פון שטאל,
דו זעסט ניט פליען דעם פויגל אראפ אדער ארויף,
דו זעסט א נעסט אין קאמפיוטער מיט א צאל אויף א צאל.

חשבון לייגט ארויף די האנט אויף דיין קאפ —
די האנט טוט דיך בענטשן,
וועסט א ריר טאן ביי דער מאשין א קנאפ,
וועלן געבוירן ווערן נייע מענטשן.

דו הייבסט דיך אויף, גייסט אוועק, בלייבט די שיין זיך ראנגלען מיט דעם בליק --
דו זעצט זיך אריק אין אויטאמאביל און דו פארסט אוועק,
אין שטאט אריק פארסטו צוריק,
צו דער לבנה און צו דער ווענוס זענען שיין און פליער אוועק ...

זאל יעדער זען די געביידע און דעם בויער

(געווידמעט פרוי הילדא ניומאן)

ביי מיר אין הויז שטייט אפן די טיר —
דו קענסט אריינגיין און גייען ארויס,
דיך וועט מען ניט פרעגן ווער דו ביסט,
איך לאז דארט אלעס פריי פאר דיר,
איך לאז איבער די שיין פון דער זון אין הויז,
פול מיט וואסער איז דאס פאס ביי דער טיר,
פאר מיין אייגענעם איך מאך איך אויך אויף די טיר,
איך לאז אים פריי מיט אלע זיינע וואונדן,
זאל ער גיין מיט זיינסגלייכן אין דער וועלט,
לאז ער גיין מיט וועמען ער איז פארבונדן,
זאלן זיי גיין אלע דריי דורך אין טיר,
דו זאלסט גיין און ער, און יענער וואס גייט פארשטעלט.
פריי איז דער דונער אין פעלד —
פריי איז דער פויגל, דער הימל איז פריי,
פריי איז דער וועג אנטקעגן לבנה און שטערן,
פריי איז דער בארג און דער טאל,
איך בין פריי, מיט יענע וואס זיינען פריי,
איך שרעק מיך ניט מער פאר דעם ווינט אין פעלד —
איך האב איבערגעלאזט אונטער מיר דעם טרויער,
איך האב ניט מיטגענומען די קעלט,
זאל פאלן דער רעגן אויף דער מויער,
מיין טיר אין מיין לאנד איז אפן פאר דער גאנצער וועלט,
זאל יעדער זען די געביידע און דעם בויער ...

זיו השכינה

(סאנעט) (געווידמעט דר. שלמה ביקל)

צו דיר קומט די מאמע אידיש מיט אן ארימאן ביי דער האנט —
זיי גייען ניט אויף די טירן,
די מאמע אידיש און דער ארימאן ווילן, אז פון היינט אן און ווייטער זאלסטו זיי פירן
זאלסט גייען מיט זיי פון אידיש לאנד צו אידיש לאנד,
דו זאלסט רירן וואס מ'דארף רירן.
ניט אלע אידישע טירן זיינען שוין פארמאכט —
דאס וואס מ'האט ארויסגעלייגט, ליגט אין דרויסן,
הייב אויף דאס סדור און די תפילין און די אידיש־באשריבענע פאפירן,
לרשע רע כרשעתו נותן.
הער וואס איך בין אויסן —
פיר ארויס פון דעם גלות די מאמע אידיש,
פיר ארויס פון דעם גלות דעם פארשטעלטן ארימאן,
אליהו הנביא,
אין ירושלים זאלט איר אנצונדן א יזכור־ליכט ביים כותל מערבי ...

בעת... (געווידמעט דר. אהרן שטיינבערג)

בעת — אים האט טיף א ריס געטאן אין הארצן —
אים, דעם עלטער עלטער זיידנס טאטנס טאטע,
בעת — ער האט פארשריבן די ליידן פון אידן,
פון אידן ארימע און רייכע און פרומע אידן,
בעת — די מושל־טרעגער מיט די ליידיקע קאנטן,
זיי האבן אונטערגעטריבן צו פארטרייבן די אידן,
בעת — מען האט געגעבן א באפעל זיי צו טרייבן פון דאנען;
האט ער דאס פארשריבן מען זאל דאס ניט פארגעסן,
בעת — אידן פון דורות זאלן אלעמאל ווערן דערמאנט,
אז זיי דארפן אין דעם זיך תמיד דערמאנען.

בעת — ער האט דאס דאזיקע פארשריבן שפעט ביי נאכט —
ווען ער האט געהערט א באהאלטענעם איד זאגן תהילים,
א איד האט געזאגט שיר השירים מיט א איד,
מען האט געזאגט די תפילות אונטער פארמאכטע טירן;
אונטער פארמאכטע טירן און פארהאנגענע פענסטער,
בעת — האט זיך אים אויסגעדאכט, אז אין דרויסן,
אין דרויסן ביי נאכט טאנצן ארום געשפענסטער.

בעת — האט ער געזען די טאכטער ציון אין שווארצן —
דער נביא האט די כלה באגלייט ווי עס שטייט געשריבן,
וואס די נביאים האבן געזאגט און געהייסן פארשרייבן,
לדורות פארשרייבן אין די הייליקע ספרים,
דערביי האט ער געזען די דערהרגעטע ברידער,
די דערהרגעטע ברידער וואס ליגן אין די קברים.
בעת — אין זיינע שריפטן האט זיך אריינגעגאסן געוויין צארן —
האבן א סך שטערן געפונקלט אין הימל, געפונקלט געוויין,
ביי די שטערן אין הימל האט ער אויסגעגאסן דעם טרויער צו רוים,
בעת — רוים האט געהאט א האנט אין באפעל די אידן צו טרייבן,
האט דער טרויער אים געגעבערט אין הארץ,
געגעבערט ביי טאג מיט יענע, און געגעבערט ביי נאכט מיט זיינע,
צווישן זיינע איז די כלה געווען אין שווארץ ...

אין לאנד פון די לידער

נאך א ניגון פליט ארום ביי אונז אין לאנד, אין לאנד פון די לידער,
פליט ארום פון טויזנטער לידער א ניגון,
א ניגון פון טויזנטער לידער וואס בלייבן פארשוויגן.
פליט ארום אין דער וועלט דער ניגון,
דער ניגון פון דעם אידישן וועלט־ליד,
קלאפט אן דער ניגון אין דער טיר פון א איד,
דערקענט ניט דער איד זיין אייגן ליד,
דאס ליד פון די אומגעקומענע ברידער.
געברענט האט דאס אידישע ליד,
געברענט האבן אידישע קינדער,
געברענט האט דער איד, געברענט אינאיינעם,
און געברענט באזונדער.
נאך א ניגון פליט ארום ביי אונז אין לאנד,
אין לאנד פון די לידער,
שווייגן די לידער פון אונזערע גלידער,
שווייגט ניט דאס אידישע ליד,
דרייט זיך אוועק א ליד פון דער וועלט מיט לידער.

די שורה האט אן אפן פענצטער

דו קענסט אויך זיין גרויס —
זיין גרויס אין דער שורה,
קענסטו מיך שכל זיין גרויס.

די שורה איז פאר דיר א הויז —
גרויס ווערסטו אין דער שורה,
אין דער שורה ווערסטו אויך קליין.

עס שטעקט א שכל אין דיין שכל —
דערצייל ניט נאר פון זיך אליין,
מעסט ניט דיין אייגענע גרויס.

בארים דיך ניט —
עס איז ניט גוט, צו מאכן דיין שורה קליין.

די שורה האט אן אפן פענצטער —
יעדער קען ארייננקוקן, מען קען זען וואס דארט טוט זיך.
גרויסטו דיך אין פענצטער —
זעט מען דיך, גייט מען ווייטער.

עס שטעקט א שכל אין דיין שכל —
ער מאכט פלאץ אין דער שורה, קומט ניט דער שכל אליין.

די שורה מאכט א ווארע פאר דעם יושר —
די קריוודע קומט צוגיין,
געפעלט איר ניט דער יושר אין דער שורה
דער יושר, דער בעל שכל, דער בעל פשרה,
קאלט און הארט, ווי א ביין.

די קריוודע לייגט זיך אוועק ווי אויף א טעלער —
זאל מען זי אויך זען אין דער שורה.
דער אמת געהער איר אליין.

אין דער שורה קען דער שכל טאן וואס ער וויל —
ער איז ביי זיך אין דער היים,
דאס פענצטער מאכט זיך צו און עס ווערט שטיל...

א פארקערטע מאס פאר זיי

אויסגעהוילט איז אונזער ווארט —
לעכערדיק ווי א טרוקענער שוואם,
רייַנער שכל געפונט ניט זיין ארט,
געפונט קוים גראם שטראם זיין שטראם.

באזינגט מען די ווערטער מיט קעלבערנער התפעלות —
מען באזינגט, מען באזינגט אזא ליד,
מען זעט אזא באזינגער אין קעלבערנער התפעלות,
מען זעט א קאלב ניט קיין איד.

דער רויש איז ווי פון פוילע בלעטער —
שפרינגט א פויגל איבער זיי,
דער פויגל איז ניט פון ווארט דער רעטער,
א פארקערטע מאס פאר זיי.

וואלגערן זיך געבראכענע ווערטער —
ווערטער מיט שפיציקע און קיילעכדיקע קלאנגען,
צעגויפגעצויגענע, געבונדענע ווערטער,
פון ווערטער די שטיקלעך געפאנגען.

דער פויגל דרייט ניט זיינע קלאנגען —
דאס געזאנג פון דעם פויגל איז פול מיט באגער,
ניטא ביי אים קיין געזאנג פאר געזאנגען,
א פארקערטע מאס פאר דעם געהער.

ביי אונז אין פעלד

(סאנעט) (געווידמעט פרוי מרים לעווי)

פארבעט דיין שכן אהיים צו דיר —
דיין טיר איז ווי דער הימל אפן,
און פאר דער הינדין איז אפן דיין טיר,
פון חורבן און טרוקעניש איז זי אנטלאפן.

דער שכן קומט צו גיין פריער —
שטעל ארויס דעם עמער מיט וואסער פאר דיין טיר,
פריי איז דער בארג פאר זיי און פאר דיר,
די ווארימע אוונט שיין שפרייט איר שאטן,
א ווייסע קרוין פאר דעם בארג און פאר דיר.

דעם שכן באגלייט די בענקשאפט נאך דעם טאג וואס פארגייט —
איר וועט זיצן און רעדן ביז שפעט אין אוונט,
הערן וועט איר דעם בארג זיך פרייען,
די הינדין לויפט פארביי פיטערן די יינגע אין וואלד,
מיט דעם באגינען וועט איר ארויסגיין און דארט דאס פעלד פארזייען.

שיק צו זיי דיין רוף

די שווערד איז גוט פאר יעדער האנט —
נעם אויך דו אין האנט די שווערד,
שיצן וועט די שווערד דיין לאנד,
זאל דער שטאל א גלאנץ טאן אויף דעם רוקן פון דיין פערד.

יעדער פאסטוך היט די שאף —
נעם אויך דו דאס פייפל אין דער האנט,
פון די ברעגעס פון דיין פעלד, שיק צו זיי דיין רוף.

מיט דיין האנט דריי אן די פרייד —
פליִיצן זאל זי אין דיין לאנד,
די שאף האט ליב דאס פייפל, די שאף האט ליב די פרייד.

ווארף דיין בליק דעם ים אנטקעגן —
שטרעק צו אים דיין האנט,
שטעל דעם שומר דארט אוועק,
גיב די שווערד אים אין דער האנט . . .

די בייזע פליגל פאכען

די געשווינדיקייט דערקענט זיך היינט אליין ניט מער,
געווארן איז זי פלינקער, ווי דער פלי,
צוגעבאגלט איז זי צו די פליגל פון דעם טויט,
דער טויט קריכט ניט מער אויף די קני אין פעלד —

ער פליט, ער פליט דער טויט, גיכער נאך ווי גיך,
ער פירט ניט מער די שלאכט צו פיס —
די שלאכט קומט צו אייך א היים.

די שלאכט פליט —
די בייזע פליגל פאכן, זיי טראגן דעם האר דעם טויט.

דער טויט באפעלט דעם טויט —
נעם ניט מער דאס מעסער אין דער האנט,
פארשנייד די מענטשהייט מיט איין פלי —
עס איז דער פלי וואס פירט דעם טויט,
עס איז דער טויט געפאנצערט אין דעם פלי.

פארוואר!
גייט ארויס דעם טויט אנטקעגן —
שרייט אן אויף אים, שרייט הויך, שרייט העכער,
אויך דאס קול וועט זיך אווארף טאן מיט א פלי —
דאס קול קען שטייגן העכער . . .

שלום דיר צו זאגן

אויפגעמאכט האט ער די טיר —
דו זאלסט לאזן זיך אין וועג,
דו זאלסט לויפן און אנזאגן, „שלום איילט מיט מיר"
דיך ווילן מיר דעריאגן, שלום דיר צו זאגן,

אפגעלאפן א מהלך —
צו דער נאכט קומט מען אן,
פארשטעלט איז דער וועג,
ניט אהין, ניט אהער,
פינסטער איז אויבן אן.

פארשטעלט דעם וועג האט א געשפאן —
די בייטש האלט דער ווינט,
ער טרייבט אהער, ער טרייבט אהין,
בעמט ער דיך דעריאגן, שלום דיר צו זאגן.
לויפט א שטערן נאך דעם שלום,
לויפט ער און ער קוועלט,
ווען אלע וועלן שלום זאגן, וועט שלום אלע הערן,
וועט זיין שלום אויף דער וועלט.

אונזער ירושה

(סאנעט)

מתתיהו האט אנגעצונדן דאס חנוכה ליכט און ס׳ברענט —
אויף דעם טיש דרייט זיך דאס חנוכה דריידל, ווי ס׳האט זיך געדרייט,
די קינדער פרייען זיך, ווי זיי האבן זיך געפרייט,
מיט דעם נס גדול היה שם אויף דעם דריידל מיט די פיר ווענט.
אין דער מזרח וואנט די ש.,
אין דער מערב וואנט די נ.,
אין דער צפון וואנט די ה.,
די ג. אין דער דרום וואנט,
דאס דריידל האט געמאכט דאס קינד מיט דער אייגענער האנט.
אינם מהלך מיט דעם חנוכה דריידל האבן זיך מיטגעדרייט די באזיגטע יונים —
יונים נקבצו עלי, האט געזאגט דער טאטע,
די קינדער האבן געזונגען,
מעוז צור ישועתי,
דער זיידע האט געזוכט דאס חנוכה געלד אין דער קעשענע פון די הויזן מיט לאטע אויף לאטע . .

זאל דער נס געשען

לאמיר האבן גע׳פועל׳ט אל דאס גוט׳ס —
זאל דער הפקער מער קיין בייז ניט טאן,
גענוג די וועלט געשטעלט אין קאן.

זאל דער נס געשען —
דער הפקר זאל ניט נאכלויפן דעם ליד,
דעם ווינט זאל ער ניט נאכלויפן, דער הפקר.

זאל דער נס געשען —
מער זאלן זיי ניט לויפן צו דריט,
דאס ליד, דער ווינט, דער הפקר אין דער מיט.

זאל דער נס געשען —
זאל דער הפקר זיין פארשפילט,
ניט ווערן אליין דער ווינט,
ניט ווערן אליין דאס ליד.

זאל דער נס געשען —
דער הפקר זאל ניט זיין די פאן, דער העלד פון דער וועלט,
דער העלד וואס קען טרעפן אין קאן . . .

זאגט אייך אפ פון אים

דער בעכטיקער שכל גילט היינט ניט —
ער פירט אראפ פון וועג.
לאזט אים פאלן —
אים גייט ניט נאך;
גייט ניט נאך א בלאט אין הארבסט,
פלעכט מיט אים, קיין לידער ניט —
א ליד אזא, וואס וואלגערט זיך ארום,
דא, דארט, אומיטום.
קומט דער שכל שטיל צוקריכן —
זאגט אייך אפ פון אים.

ניי איז דער טאג יעדן טאג —
ניי געבוירן איז דער שכל,
א נייער שכל יעדן טאג,
פרעגן פרעגט ער ביי זיין טאטן,
פרעגן פרעגט ער ביי דעם טאג —
וואס זאל מען טאן היינט מיט דעם שכל,
לאזן אים לויפן ארום דעם הימל און צוריק?
בינדן אים די הענט מיט א גארטל
צי בינדן אים מיט א שטריק?
דער נעכטיקער שכל הייסט לייגן א פייער,
ער הייסט פארברענען די וועלט —
זאגט אייך אפ פון אים.

א שפיז שארף אויס דיין שורה

פארנעם און היט די רייד —
וואר איז יעדערווארט,
הער דעם רוף אין צייט.

דיין ליד א קלאנג פון גלאק זאל זיין —
צום לויף דיין פוס שטעל גרייט, א הירש באגלייך
שטיי גרייט צום שטרייט.

דו טארסט ניט מער פארזוימען —
קוק אויף שנעל צוריק אציגד, לאז דיך מער ניט צוימען.
פארנעם און היט די רייד, וואר איז יעדער ווארט,
הויך און העכער טראגט זיך דאס געשריי.

לאז ניט שמירן דיר די שורה פון דיין ליד —
הייסע מליצה, קאלטע גראמען, פוילע בלעטער זייגען זיי.

א שפיז שארף אויס דיין שורה —
א שפיז דערלאנג זי אין דער האנט,
דערלאנג זי אין דער האנט דעם איד,
טראגן זאל א איד זי, א איד און נאך א איד . . .

די דערלייזטע

פון היינט אן און ווייטער איז יעדער מענטש פריי —
ער וועט מער ניט אנקסטן פאר דער מלחמה,
דער מענטש וועט פארלירן דעם ווילן צו נעמען נקמה,
דער מענטש איז מער ניט געגליכן צו ווינט און צו שפריי.

דעם צווייטן הרגענען וועט ניט איינער —
ער טאר ניט זיין דער ערשטער צו בלייבן לעבן.
אין געיעג וועלן זיך מער ניט קרומען די צייגער,
ניט דער און ניט יענער וועט וואגן דעם קלאפ צו געבן.

עס וועט שטראף ניט דונערן מער אויף די וועגן —
דער טויט וועט ניט לויפן מער אנטקעגן דעם טויט,
די פעלדער וועט פרוכטבאר מאכן דער רעגן,
צו דער זעט וועט דער מענטש האבן זיין ברויט.

די רויבער וועלן מער ניט שטייען אויף די וועגן —
די טיר פון דעם סאד וועט שטייען אפן,
די ווילדע פייגל וועלן ניט לוירן אויף די שטעגן,
די דערלייזטע וועלן מער ניט דארפן האפן.

ז׳וועלן קומען צו דער אפענער טיר

קומען וועלן די אידן פון די תפוצות —
זיי וועלן קומען צו דער אפענער טיר,
אנטקעגנגיין וועלן חלוצים און חלוצות,
אינאיינעם וועט מען גיין אין פעלד פארטאג זייגער פיר.

דיך וועט ניט באגלייטן מער דער ווינט —
ניט די קללה פון דעם נביא,
געגעבן חשבון האט דער ווינט,
בטל איז די קללה פון דעם נביא.

דער ווינט מעג האבן זיין היים וואו ער וויל —
ביי די ביימער מעג ער זיין הפקר,
ער מעג ליגן ווי א לאם אין דער שטיל,
פאר אונזער טיר איז דער ווינט ניט הפקר.

אונזער ראד דרייט ניט מער דער ווינט —
נאך די פערד גייט אונזער וואגן אליין,
א קינד טרייבט די פערד אצינד,
אהיים גייען די פערד אליין.

הפקר מעג ער זיין דער ווינט —
הפקר ווי דער ווינט אין סטעפ,
צו אונזער טיר קומט ניט מער דער ווינט,
אונזער טיר געבויעט איז אויף טרעפ.

איבער אונזער הויז ליכטיקט די זון —
היינט איז אונזער הויזגעזונט ריין,
אין דעם שאטן פון דער ליכטיקער זון,
קומט צו גאסט דער נביא אליין . . .

דו און דיין שכן

דו האסט געהערט דעם רוף פון די פרעמדע —
ביסט נאכגעגאנגען זייער רוף,
דיין טראט האט זיך ניט געוואקלט,
אזוי ביסטו פארגאנגען צווישן פרעמדע.

מיטגעגאנגען איז דאס הויז־געזונט —
מען איז געלאפן נאך די פרעמדע,
געלאפן נאך גיכער ווי געשווינד.

מען האט פארגעסן אינם פאלק —
זיין שפראך האט מען ניט געלערנט,
מען האט ניט אנגעקלאפט די מזוזה אויף דער טיר,
אויס חילוק צווישן דיין שכן און דיר.

דו האסט אנגעקלאפט ביים שכן אין דער טיר —
וואס קען איך טאן פאר דיר ?
דערמיט האט זיך געענדיקט דאס געשפרעך.

דו האסט אים ניט דערציילט אלעס פון דיר —
פון דיין גייסטיקן דלות ניט דערציילט.
ער ווייסט אז דו ביזט א איד, ווי פריער.

פון אידישקייט וויל ער ניט וויסן —
וואס מען וויל פון דיר קענסטו ניט פרעגן,
דער שכן וועט ענפערן,
אין גיכן וועט זיך ווידער ארעפלאזן א רעגן . . .

אונזער שפּראַך איז אויס מיטל

אונזער שפּראַך איז געוואָרן אויס מיטל —
צום אַקער אין פעלד רופט אונזער שפּראַך,
אונזער שפּראַך לערנט האַלטן די ביקס אין דער האַנט,
אונזער שפּראַך רופט צו שלום,
אונזער שפּראַך שרעקט זיך מער ניט פאַר דעם פרעמדן קול,
צו נייער חכמה שטרעבט אונזער שפּראַך,
אונזער שפּראַך פאַרגעסט ניט דעם שפּאַס,
ליב האָבן הייסט אונזער שפּראַך,
אונזער שפּראַך טראָגט דעם שטאָלץ פון באַנייטער גבורה —
אונזער שפּראַך איז ניט מבטל.

אונזער שפּראַך איז אויס מיטל —
אונזער שפּראַך האָט אויפגעהערט צו גיסן מיט טרערן,
אונזער שפּראַך האָט פאַרלוירן דעם קרעכץ,
דער וויי־געשריי קומט ניט מער פון אונזער שפּראַך,
דעם קידוש השם זינגט אויס אונזער שפּראַך,
אונזער שפּראַך זאָגט אויס דעם סוד פון הימל,
מיט אונזער שפּראַך ציטערט אויף די וויע,
ביים מולד שיקט אונזער שפּראַך דעם בליק צו דער שקיעה,
אונזער שפּראַך איז פול מיט תפילה —
אין טאָג פון רו גייט אונזער שפּראַך אָנגעטאָן אַ ווייסן קיטל . . .

ער האָט דערזען

איך בין געקומען עפּעס זאָגן —
זאָל דער האַר אויפמאַכן די טיר,
איך ברענג מיין גאַנצן שכל צוטראָגן,
לאָז האַר מיך אַריין צו דיר.

דער האַר האָט אָנגעשטעלט זיין אויער —
כאָטש פון אויער צום הימל איז אַ מהלך,
איז אַראָפּגעפאַלן דער שלאָס פון דעם טויער,
אין שאָטן האָט זיך באַוויזן דער גלח.

ניט קיין חידוש ביי דעם האַר דיך צו זען —
איך האָב געוואוסט אַז דו וועסט קומען,
דער גלח האָט דעם האַר ניט געזען,
דער שכל האָט אים ניט געפונען.

האַר לאָמיך זען דיין פּנים —
פאַרבאַרג ניט די שיין פאַר מיר,
איך בין אַ שומר חינם,
איך ברענג מיין וואָרט צו דיר.

עס האָט זיך געשטעלט די שוואַרצע קראָ —
דער פויגל האָט זיך דערשראָקן,
פון מויל איז אים אַרויסגעפאַלן דער בראָקן . . .

אין דער הויך איז זיין גאָרטן

פאַרן טויט איז היינט אַן אַנדערער דרך —
ער רייט ניט אויף דער פּיקע, הויך פליט ער אַן אַן ערד,
בלוט רינט ניט אין דער ריקע.

ער דערציילט ניט וועגן יחוס —
דערהרגעט א מענטש און גארניט,
אזוי האנדלען רוחות, זאג זיי, אז מ׳טאר ניט.

דער טויט האט א פאריסענע נאז —
אין דער האנט האט ער אלע קארטן,
העכער געהויבן שטארקער דער בלאז,
אין דער הויך איז זיין גארטן.

דער אטאם ליגט אונטער׳ן פלויט —
אז ער וויל נעמט ער אים מיט,
אין דער האנט א היפטל קרויט,
איינגעגראבן די ציין אין דער מיט.

דעם קרבן נעמט ער ניט ווי אמאל —
ס׳איז די רייד פון א סך מענטשן,
ער קען זיי אוועקלייגן אן א צאל,
מען וועט דעם טויט מער ניט בענטשן . . .

זאל דאס ווארט וואקסן און אויפגיין

זאל דאס ווארט וואקסן און אויפגיין —
הערשן זאל די ברכה ווי א קרוין,
אויף דעם ווייסן פעלד,
אויף דעם ווייסן פאפיר.
היט גוט דאס ווארט —
לאז ניט ארויף די פאראזיטן,
די קאלטע גראמען.
קאלטע שטיינדלעך זיינען זיי,
אויף דעם ווייסן פעלד,
אויף דעם ווייסן פאפיר.
הענגט ניט אן קיין גלעקל אויף דעם האלדז —
פארגלייכט ניט דאס ווארט צו א קאלב,
בינד ניט צו זיין עק צום פלאקן,
אויף דעם ווייסן פעלד,
אויף דעם ווייסן פאפיר.
פענטעט ניט די שורות,
מיט די שטריק,
מיט די גראמען.
די שורה וויל זיך בייגן ווי א צוויג —
לאז דעם גראם פון יענער זייט טיר . . .

קומט די שלאנג צו גאסט

געווארן איז די ערד באגלייך די גרויס א נוס —
קיין פלאץ דארט מער ניטא,
ניט פאר דעם פלייער,
ניט פאר דעם ברייטן טראט,
אויך ניט פאר דעם לייב —
דאס מלכות איז קיין מלכות ניט,
אויס פארגלייך מיט ג אט.

וויל א לייב א לייב נאך זיין אצינד —
א חיה ביז צום סוף,
פאלגט אים ניט דער וויידל,
ער דרייט זיך ניט ארויף.

עסן שטרוי מוז ער איצט —
דער לייב, ער מוז עסן שטרוי, באגלייך מיט דעם רינד.

קומט די שלאנג צו גאסט צו גייען
גייט מען אין דעם גארטן שפילן,
פירט די שלאנג איר שפיל אין צווייען —
שענער אויף דעם בוים איז די לבנה,
שענער ווי די נוס.

שטרעקט דער לייב זיך צו דערלאנגען —
דערלאנגט די שלאנג אים די לבנה, איר צו טאן א ביס —
פאר דעם רינד געבליבן איז די נוס . . .

פארלוירן האט איר דעם כח הדבור

אין אונזער גארטן איז געווארן שיטער,
א קעלט שלאגט דארט פון דער ערד —
די זון קען די ערד ניט װארימען,
די אידישע קינדער פרירן אין גלות —
די מאמע אידיש טוט זי מער ניט כאוועז,
זייער ווארט האט אפגעהאקטע פליגל,
סע פאלט פון דער צונג און ווערט פארשוואונדן,
הזיק האט דער גערטנער, הזיק אידיש:
עס איז ווי, סע איז פינסטער און ס'איז ביטער . . .

אויף אידיש האבן קינדער געלערנט,
די אידישע תורה אין אידישן טייטש,
אזוי געפירט האט מען זיך אן אייביקייט;
היינט לערנען די אידישע קינדער אויף גוייש,
ניט מער ווי דעם נאמען — סאלאמאן יצהאקי —
אויף אידיש הייסט דאס רש"י.
הזיק האט דער גערטנער, הזיק אידיש,
אויך דעם כוח הדבור האט איר פארלוירן.
איר דארפט ניט נארן מער —
אידיש, זאגט מען, האבן אידן גערעדט נאך פאר דעם דייטש . . .

דאס ליד דרייט זיך אוועק פון אייך

דורך אייך האט דאס ליד זיך געעלטערט פאר דער צייט —
דאס אפגעקערטע ליכט איז אוועק פארויס,
פאר אונז גייט דאס ליכט אויף אין ישראל,
ניט פאר דעם ליד.
דאס ליד איז פארשלאפן, צוליב אייער חלום —
א חלום פון די אלטע, ניט די נייע צייטן;
דאס ליד האלט אראפגעלאזט דעם קאפ,
סע דרייט זיך אוועק פון אייך.
איר זענט מיד זאגט דאס ליד.
אונזער ליד איז רויט פון בושה
עס וויל ניט ליגן אונטערן פלויט,
אויסגעדרייט צו אונז מיט דעם רוקן.
בעט אייך איבער מיט אייער ליד,
עס איז אייגן בלוט און פלייש —
כרחם משורר על שיריו;
אויבן אן זעצט דאס ליד,
זינגט א נייע ליד אונזער ליד,
לאזט אייער ליד אויפהייבן דעם קאפ,
פירט עס אויף אונזער גרויסער שמחה —
זאל דאס ליד געפונען א תיקון . . .

שפאנט א ליד צו צווייט

שפאנט א ליד צו צווייט —
דאס ליד שפאנט און דער פאטער,
שפאנען זיי צום בריקל.
בעט דאס ליד דעם פאטער —
פיר מיך צו דעם ציקל.
טאנצן לידער זיי אנטקעגן —
פאלן שטראלן צו די פיס,
קלאפט די זון אין פויגל׳ס פענצטער,
שטרעקט אנטקעגן אים די שפיז.

רוף צונויף די פייגל —
רוף זיי צו דעם טויער,
א שמחה היינט ביי אלע,
ביי אלע ארום דער מויער.

פאר דעם טויער גאפט דאס ליד —
עמיץ קריכט דארט אויף דער מויער,
עס איז די זון, סע איז די שפיז,
געפאלן זיינען זיי דעם פויגל צו די פיס.

געווארן גרעסער איז דאס ציקל —
דאס ציקל פאר דעם טויער,
געבליבן אין שאטן איז דאס בריקל,
דאס בריקל ביי דער מויער . . .

היום בארצנו

אין אונזער לאנד איז דער טאג פלינק און ליכטיק —
ער איילט איבער די בערג און איבער די פעלדער,
צו די היכל׳ען אין די שטעט,
צו די ברעגעס ביי די ים׳ען;
אונזערע ים׳ען זיינען בלוי,
מעכטיק זיינען אונזערע בערג —
דער תבור, דער כנען, דער ציון און דער כרמל.
ליכטיק זיינען אונזערע הרי־חושך אין אילת.
אונזער טאג טרעט אפ אומעטום —
מיט דער זון ווי א קרוין אויף דעם קאפ,
פירט ער פאשן אונזערע סטאדעס.
מיט דער העלקייט, מיט דעם ליכט באגלייט ער אונזערע קינדער —
ער שיצט זיי פון דער גרויסער היץ.
דאס גאנצע לאנד ווערט פון אים מעוברת
דער טאג שטייט אויף פארטאג.
ער זאגט הויך אויפן קול —
בוקר טוב דיר ירושלים.
אלע גייען אים אנטקעגן —
אלע גייען מיט אים די באווענטע און די ווייטע וועגן.
מען נעמט ארויס אים די שטיינער פון די הענט.
זיין פרייד איז גרויס,
ער קוועלט מיט ווייסן ליכט ביז די זון פארגייט.
פריש און פריילעך פאלט ער דעם בין השמשות צו די פיס —
גוטן אוונט דיר מיין שענער טאג —
קושט אים דער כנרת . . .

יצחק און דער אדלער

פון דער מושבה, אין פעלד, איז ניט ווייט,
דאס קינד לויפט ארויס אין פעלד,
דאס קינד העלפט קלויבן די שטיינער,
די מאמע קומט אויך צו דער ארבעט,
יצחק שטעלט זיך ארבעטן אין פעלד.

דער אדלער פליט פארביי,
קוקט יצחק נאך דעם אדלער, ווי שטאלץ ער פליט,
ער טראגט א בלום, זאגט יצחק,
דער אדלער טראגט א בלום אין פליגל.

דאס ווייב און די קינדער לאכן פון דעם טאטן,
לאכן פון זיין גוטן וואונטש.

זעט יצחק דעם אדלער נידערן צום בארג —
יצחק טרינקט וואסער פון דעם קריגל,
ער קוקט נאך דעם אדלער, און זעט א רויטע בלום פאלן אין טאל,
א סימן, אז דער אדלער וויל קומען אין געצעלט.

ארום די בערג איז הייס, שטיל איז אין פעלד,
דאס ווייסע ליכט שפרייט זיך ווי א טישטוך,
אויף דעם טיש איז אויסגעשטעלט,
מילך און האניק, ווייך און ברויט,
פאר דעם אדלער איז אלעס אנגעגרייט.

די זון איז הויך און זי ברענט,
יצחק שיקט אריין דאס ווייב און דאס קינד
ער וויל רעדן מיטן אדלער קיינער זאל ניט הערן;
דער אדלער וויל דא מאכן זיין געצעלט,
וועט דער אדלער מיט יצחק'ן וואוינען אין פעלד,
דאס פעלד איז א ירושה פון דעם טאטן,
א זאנג וואקסט נעבן א זאנג,
באצירט מיט ליכט פון דער זון, וואקסט דאס קארן.

יצחק זעט אין אדלער א צייכן צום גוטן,
ער גיסט אן וואסער א פולן טאפ,
עס שטייט דער אדלער בים טיש,
דער בעקן שטייט אין דער מיטן.

יצחק זעצט אוועק דעם אדלער אויבן אן,
דו ביסט דער גאסט —
פרעג, וואס דו ווילסט פרעגן,
אליין זיצט ער אנטקעגן.

— ועסט לאזן די פייגל דא רוען?
מיר ווילן קומען ניט ווי גנבים ביי נאכט,
מיט דעם באגינען וועלן מיר ווייטער פליען.

דו קענסט אונטערנעמען, מיט אלע דיינע פייגל,
איר קענט קלויבן א זערנע אין פעלד,
איר קענט אויך מאכן זיכער א געצעלט,
דאס קען געשען נאר אונטער איין באדינג,
דו מוזט ווערן אויס קעניג ביי די פייגל.

איך שיק רופן דעם לייב,
די שלאנג וועט קומען צו גייען,
מיין קינד וועט איך פירן ביי דער האנט.
יצחק האט זיך געזעגנט מיט דעם אדלער,
ער איז צוריקגעגאנגען ארבעטן אין פעלד...

זאל ברייט אויפגעמאכט בלייבן אונזער טיר

זאל מען זיין אפגעשייד זיי פון אונז,
די זיידעס און די שכנים.

פארשריבן עס איז אין אונזערע ביכער —
דאס גוטע און דאס שלעכטע, פון דעם עלטער־זיידנס זיידע.
קנאפ וואס איז אונז פארבליבן, פון דעם גוטן פון די שכנים.
זאל ברייט אויפגעמאכט בלייבן אונזער טיר.

פאר דעם ליד דעם נייעם —
פאר אונזער נייער שטאט;
נעמט זיי אויף מיט בידע הענט —
לאזט אריין זיי ביידע,
מיט דעם נייעם ליד, מיט דער נייער שטאט.
קומט אויך אונזער אייגן דארף.

דער שטארקער בחור קומט —
עס קומט די שיינע בחורה.
די טשערעדעס קי זיי שפאנען,
די סטאדעס שאף נאך זיי, זיי קומען.

די היטער זיינען הויכע יונגע ביימער ביי די וועגן —
זיי קילן אונזערע פירות,
אונזערע גערטנער שיצן זיי.
עס וואקסן, עס וואקסן —
שיין און שטאלץ, אונזערע נייע בלומען ...

זי וויל ניט פירן מער דעם קריג

צו דעם ליכט פליט די פליג, איז דער וועג פאר איר באלויכטן.
זינגט די פליג איר ליד, צו דעם ליכט, צו דעם גליק,
שיקט דאס ליכט זי צוריק, אין מיטן וועג בלייבט די פליג.
רופט דאס ליכט די פליג צוריק, לויפט זי ווידער צו דעם ליכט.
קומט דאס ליכט אנטקעגן, און פארשטעלט דעם וועג דער פליג,
גייט דאס ליכט פארויס, איר דעם וועג צו ווייזן,
פליט ווידער שוין די פליג, מיט דעם גליק זי פליט, ארום דעם ליכט צו קרייזן.
דרייט זיך אויס דאס גליק, איז שוין מיד די פליג,
זי וויל ניט פירן מער דעם קריג, צו ליכטיק איז פאר איר דאס גליק.

אנ׳אנגעלייגטער גאסט

דאס הונדערטסטע ליד איז דא —
אנגעקומען ניט פארשטעלט,
אזוי, א ליד מיט געמיט,
א אידיש ליד פון קיינעם געהיט,
געקומען פון דער אידישער וועלט,
אין א מלבוש פון ווייס און בלא.

מיט דעם ליד ווערן הונדערט די לידער —
אן אנגעלייגטער גאסט, אויף דער שמחה ביי די ברידער,
געבראכט א מתנה פאר זיי, ווי עס פאסט.

ליגט די מתנה צוליגט אויף טעלערלעך —
ליגט דער חלום אויף דער וואר,
ליגט שבת־אויבסט אויף די טעלערלעך,
עס איז אונז ליב דאס גאנצע קיילעכדיקע יאר.

קערט איך אום צוריק צום אייגענעם שטאם

אינאיינעם האלט איך ווי א פאלק,
מיט דעם פנים צו דעם בוים מיט זיינע צווייגן.
איר טראגט זיין ירושה —
פון אים זענט איר געבוירן;
צו אים זענט איר געגליכן,
האלט אייערע צווייגן אינאיינעם, ווי דער בוים —
זאפט וועט רינען פון די צווייגן באלאדענע מיט גוטע פרוכטן,
פון זיי וועלן אויך אנדערע געניסן.
טראגט דעם קערפער גלייך און שטאלץ,
זיין קרוין דעם קאפ לאזט ניט ארונטער,
רוקט איך ניט אין די ווינקלען, מיט א מוראדיקן שווייגן.
אינאיינעם האלט איך ווי א פאלק.
טרייבט ארויס די קעלט פון אייער שטוב —
דאס אפענע פענצטער האט אין שטוב ארייגעבראכט דעם קריג,
גענבוג, געבוג, גענוג, דרייסיק, פערציק, פופציק, זעכציק יאר —
שטעלט אריין נייע שויבן —
זיין א איד איז גאס, הייסט זיין א איד אין שטוב,
איך טאר די שטוב ניט ווערן איבעריק;
שטעלט אריין א נייעם טיש,
אויף אים צינד אן דאס ליכט.
רוקט אוועק דעם פרעמדן ביכער־קאסטן,
קערט אייער בליק צו זיך צוריק . . .

דאס אידישע ליד האט אראפגעלאזט דעם קאפ

שטייט דאס אידישע ליד אראפגעלאזט דעם קאפ —
א פארשעמט קינד שטייט מיט דעם היטל אין דער האנט,
שטייט א קנעכט וואס קען נישט אויפהייבן דעם קאפ,
שרעקט זיך אונזער אידיש ליד פאר נאך א האנט.

ניט באר אין האנט שלאגט דאס אידישע ליד —
שלאגט די האנט וואס האט דעם שליסל צום געלד,
די האנט וואס שרייבט כמו לידער,
אויך אזא האנט האט איבערגעשראקן דאס ליד,
דאס ליד האט מען געשראקן אויף דעם גאנצן פעלד.

דארף מען טרייסטן דאס אידישע ליד —
דערמאנען דעם יחוס פון דעם נביא,
מען דארף שטארקן דאס אידישע ליד,
דאס וויסט יעדער האנט וואס שלאגט דאס ליד.

די שלעגער וועט גארניט העלפן —
עס וועט זיי ניט העלפן דער שלאס,
עס וועט ניט העלפן דער שליסל,
אויף דעם טיש וועט שטיין שבת אויבסט א פולע שיסל . . .

מיר זענען דארט ביידע ניט געווען

איז דען א נפקא־מינה צי דער טאג האט מיך געזען?—
מען מעג זאגן וואס עס איז געשען,
דארט זיינען מיר ביידע ניט געווען,
ניט מען האט געהערט, ניט מען האט געזען.

דאס ווארט איז געקומען אויף דעם פאפיר —
באפוילן האט דאס ווארט עס זאל געשען,
דעם עפל פון דעם בוים, רייס!
דעם ווארט האב איך באפוילן צו בלייבן אויף דעם פאפיר.

דאס בלעטל פאפיר האט אפגעזאגט אויפן ארט —
אנטקעגן צו טראגן אן אלט ווארט,
אפגעזאגט האט דאס פערד צו טראגן דעם רייטער,
עס קען ניט דאס ווארט גייען אויף דער לייטער.

דעם אמת געזאגט איז גארניט געשען —
דער טאג דרייט זיך אויף דעם גרויסן ראד,
א טאג וואס וויל דווקא זען די שטאט,
דאס איז דאס גרויסע געשען.

דאס בלעטל פאפיר ליגט אומגאנצן ווייס —
איך האב ווערטער געקליבן און ניט דערקליבן,
איך האב געשריבן און ניט פארשריבן,
מיין בלוט איז ניט געווען גענוג הייס...

שרייב ניט פאר פאלשע רעטער

פון דעם וועג קומט אן דער שרייבער —
דער שרייבער מיט דעם טינטער אויף דעם שטריקל,
קוקט דער נביא אויף דעם שרייבער,
עס טוט דער שרייבער בלאנדזשען פאר דעם בריקל.

שטייט דער נביא פאר דעם שרייבער —
קוקט מיט רוגזה ער דער נביא,
ביסט פון פאלשן ווארט דער שרייבער,
נס מצרים געדענקט דער נביא.

דו שרייבסט פאר פאלשע רעטער —
זייער שכל איז פארדרייט,
זיי דינען צו פאלשע געטער,
אין די ווינקלען שטילערהייט.

די טינט פארגיסטו אויף די בלעטער —
דיר אין וועג עס שטייט דער נביא,
שרייב ניט מער פאר פאלשע רעטער,
דעם וועג צום בריקל געוויזן האט דער נביא.

שטיל איז געבליבן דער מזרח־ווינט —
שטיל איז געבליבן דאס זאמד,
מיט'ן לייב האט זיך געפרייד דער רינד,
געשפאנט האט לייב מיט רינד ביינאנט.

אויפגעאקערט האט ער אונזער פעלד

הויבט אויף די אויגן און זעט —
ניט פון דעם וויטן וועג קומט ער,
א שפאן פון דער טיר, שוין איז ער דא,
מיט א קאליר פון א מאנטל, וואס איז ליכטיק, ניט גרא.

הויבט אויף די אויגן און זעט —
אים גייט ניט נאך יענער שאטן,
דער שאטן פארלויפט אים ניט דעם וועג,
ווי דאס איז די טבע פון א שלעכטן שאטן, פון א בייזן ווינט.

הויבט אויף די אויגן און זעט —
ער טראגט אין איין האנט דעם טאג,
אין דער צווייטער האנט טראגט ער די נאכט,
צווי שיסלען מיט זון לבנה און מיט שטערן,
צווי שיסלען מיט אל דאס גוטס, פאר דעם גאנצן הויזגעזונט.

הויבט אויף די אויגן און זעט —
אויפגעאקערט האט ער אונזער פעלד,
די ביימער בליען, דאס ליד איז ניי, ניי איז אונזער וועלט ...

איר פארדינט ניט קיין שבחים

דער נביא אין שטאט האט פאר אייך ניט קיין שבחים —
שבחים האט איר אייך ניט פארדינט —
איר זענט געשלאגן מיט בלינדקייט,
איר זעט ניט דאס אפגעשוואכטע אידישע אות,
זיין פארדראס וואקסט.
דאס אות קערט זיך אפ פון אייך,
דאס אידישע ווארט איז צו אייך געווארן פרעמד,
צו אייך און צו אייער הויז־געזונט.
איר זאלט מער ניט פארגיסן קיין פאלשע טרערן, פאר דעם אידישן ווארט —
לאזט רודפן די מאמע אידיש,
עס זיינען איר ניט פרעמד אייערע דרכים.
פארוואר!
איר פארדינט ניט קיין שבחים,
איר וועט דאס אידישע ווארט ניט הערן מער זאגן גוט שבת אייך!
גייט אייך געזונטערהייט —
זוכן כבוד מעגט איר אומיטום,
אין דער היים וועט איר דעם כבוד ניט געפונען,
אין שטאט ביי אייך קענען זיי אייך ניט קוקן גלייך אין די אויגן;
ניט דאס אידישע ווארט, ניט זיינע היטער, ניט די מאמע אידיש —
זי שלעפט זיך אויף אירע שוואכע פיס —
זיי אליין זאלן זי טראגן ...

אויף אידיש טוט אייך שווערן

אין דער שבועה שטעקט אייער לעבן —
זי איז אייער חתימה,
נישט די נאז, נישט די אויגן,
דאס קול גיט אייך דאס פנים;
אויף אידיש טוט אייך שווערן,
אין דעם שטעקט אייער גבורה.
דאס קול וועט ווי א מאמע נערן,
נערן אייך און נערן ...

צווייגלעך אפגעריסענע זאמלט נישט —
פרוכטבאר וועלן זיי נישט ווערן.
די גרעזלעך פון די פרעמדע פעלדער נעמט זיי נישט,
צו זיי קענט איר געוועגען.
די שטיינדלעך נישט ביי אייערע טייכן הייבט זיי מרע נישט אויף,
קלויבט קיין ברעקלעך נישט פון די פרעמדע טישן,
דאס איז נישט קיין מעלה ...

„שמע בכל לשון שאתה שומע"
דעם פסוק לאזט נישט ליגן אונטער אייער צונג —
ער לאזט אייער אידיש און העברעאיש אייך נישט רעדן,
אייער אייגן אידיש קול לאזט ער אייך נישט הערן ...

אפן פאר דיר באזונדער ליגט דאס מלכות

צוגערוקט צום טיש זיצן זיי די לידער —
אין אידיש און העברעאיש.
אויפגעהערט צו שוויגן האבן ביידע,
דער ברודער מיט דעם ברודער.
דער שאטן האט דאס ליכט געשפאלטן —
ניטא פאר אים קיין פאטער און קיין זיידע,
צו דיר מיין ברודער האב איך די גערעכטע טענה —
געטריי געדינט האב איך דיר,
טענה'ן וועל איך מיט דיר ווי א גלייכער מיט א גלייכן;
פון דער שטוב ארויס דו טרייבסט מיך,
ווי געטאן דאס האט אמאל אונזער זיידע.
נאך א ברודער איז באגאנגען אזא זינד —
ער טראגט נאך אלץ דערפאר זיין וויסטן צייכן.
הערט דאס ליד דער ברודער און פארנעמט!
די ביטערע רייד געפאלן זיינען מיט א ברי, ווי הייסע קוילן צו דעם לייב,
זאגן זיי האסט געזאגט —
דער שאטן האט דאס ליכט געשפאלטן;
דו האסט דעם אמת ניט פארביטן.
גייען אויף דעם זעלבן וועג, קענען מיר ניט מער.
דאס מלכות אפן ליגט פאר דיר באזונדער.
נעם דיר דיין ירושה, אקער דו אליין דאס פעלד,
פאר דיינע אידישע קינדער . . .

ער וועט דיר אנטקעגן קומען

גיי ארויס אויפן יריד האנדלען
קויפן וועסטו שפיגל נייע לידער,
לידער פון ראזשינקעס מיט מאנדלען,
נעם לידער פון די פארשפארטע ברידער.

עס וועט דיר אנטקעגן קומען אן ארימאן —
אנגעטאן אין פראסטע מלבושים,
ער וועט דיר זאגן וואס פאר א לידער ס'זיינען פארהאן,
לידער פאר מאנסבילן און באזונדערס פאר נשים.

פרעג דעם פרייז פאר יעדער ליד —
פארהאנען פארשידענע פרייזן,
א הויכן פרייז צאל פאר אן אתה בחרתנו ליד,
קויף ניט קיין לידער וועגן פייגל וואס קרייזן.

פרעג ניט קיין קשיות ביים קויפן —
פארוואס אזוי וואלוויל, פארוואס אזוי טייער,
דער אורח טראגט מיט זיך פייער,
פייער פון דעם גאז־אויוון,
יעדער ליד איז ביי אים טייער.

דער שכל

דער גלייכער וועג איז א געדרייטער —
קען דער שכל ניט גיין אליין,
העלף אים ארויס פון איין צרה,
העלף אים ארויס פון א צווייטער.
ער דארף דיין הילף דער שכל —
דער געפאלענער ריטער,
שווער צו זיין אן אפגעריסענער שפליטער.

צוהילף קומט אויך דער ווינט און ער איז א דריטער —
ער קען פארטראגן דיך און דעם געפאלענעם ריטער.

פאר דער צייט געעלטערט איז דער שכל —
געשטאנען איז שטענדיק ווער אין וועג,
ניט געלאזט אים קומען אין היכל.

שעמט זיך דער שכל פאר דעם ווינט —
הייבט דער ווינט אונטער דעם שפליטער,
און טראגט אים אוועק ווי א קינד.

פיר דעם שכל ביי דער האנט —
דער גלייכער וועג איז א געדרייטער,
פיר אים אוועק אין אייגענעם לאנד,
דו וועסט זיין דער צווייטער . . .

עס וועט זיין שפע

צעווארף די ווענט פון דיין קאמער —
שטעל אריין ווענט פון לויטער שטאל,
נוץ דעם נייעם אטאמיש־שטארקן האמער,
ריר ניט אן דעם אלטען האמער פון אמאל.

באזונדערע ווינקלען מאך צווישן ווענט פון שטאל —
א ווינקל מאך אין מזרח, א ווינקל מאך אין מערב,
א ווינקל מאך אין צפון, א ווינקל מאך אין דרום.
זאלן ווינקלען זיין ריינער, ווי געווען זיי זיינען אמאל.

די ריינסטע שיך צווישן די ווענט פון שטאל —
גרייט צו דאס ריינסטע ארט פאר דער זון,
גרייט צו דאס ריינסטע ארט פאר דער לבנה,
גרייט צו דאס ריינסטע ארט פאר דעם טאג,
גרייט צו דאס ריינסטע ארט פאר דער נאכט,
זאלן זיי ניט בלייבן אויף הפקר, ווי געבליבן אמאל.

שיך דעם יושר צווישן די ווענט פון שטאל —
שיך דעם אמת צווישן די ווענט פון שטאל,
זיי דער באשיצער ווי דו ביסט געווען אמאל,
עס וועט זיין שפע צווישן די ווענט פון שטאל.

שיר הגלות

אין גלות האט מען א איד אוועקגעשטעלט אפילו אויפן דאך —
איז אים נמאס געווארן דארט צו שטיין,
ער ווייסט נישט וויאזוי ער איז אראפ פונ׳ם דאך,
ווען ער איז אין שטעטל געבליבן אליין.

און א ווייס ציגעלע האט זיך ארום אים גענומען דרייען —
דאס ציגעלע איז ארויסגעקומען פון דער שטוב מיט דעם חרובן דאך,
און האט זיך מיט דעם איד זער דערפרייד,
איין ציגעלע געבליבן פון ציגעלעך א סך.

זיינען זיי ביידע אוועקגעגאנגען אויפן הייליקן ארט —
דער איד איז צוגעגאנגען צו יאנקעלעס קבר,
דאס ווייסע ציגעלע האט זיך ניט גערירט פונ׳ם ארט,
דער איד האט גענומען דאס זעקעלע אש פונ׳ם קבר.

געגאנגען זיינען זיי געגאנגען צו דער פאפירנעער בריק —
פארויס איז געגאנגען דער איד,
אונטער אים איז געגאנגען די ציג,
אין פעלד האט אן ערל געפאשעט דעם ביק.

זיי זיינען אנגעקומען קיין ירושלים יום חמישי —
די ציג האט זיך צעטאנצט פאר פרייד, ניט פאר מורא,
דער איד האט אויפן הר ציון אוועקגעלייגט דאס זעקעלע אש פונ׳ם חורבן בית שלישי,
און ער האט הויך אויף א קול געשריגן צום בורא.

דעם מענטש צו דערלייזן

א וואריאציע אויף לייוויק׳ס ליד „א לײדיקער שליטן״.

שווער איז דעם פערד אליין צו שלעפן דעם שליטן —
שלעפן דעם שליטן אויף דעם ווייסן שניי,
שניי־ווייטער שטח אין סיביר,
ציט דאס פערד דעם שליטן,
ציט דעם שליטן צו א תפיסה־טיר.

גייט לייוויק אראפ פון דעם שליטן —
פון דעם שליטן אויף דעם ווייסן שניי,
שפאנט זיך לייוויק צו צום פערד,
שלעפן זיי דעם שליטן,
שלעפן אים צו צוויי.

לייכטער גייט דער שליטן —
גרינגער איז דעם פערד,
דער שליטן אויף דעם ווייסן שניי,
דער שליטן ווערט געשלעפט פון צוויי,
פון דעם מענטש און פון דעם פערד.

לאנג איז דער וועג אין ווייטן סיביר —
ציט זיך א ליידיקער שליטן,
עס ציט דער מענטש, דעם מענטש צו דערלייזן,
דערלייזן אים פון דער תפיסה־טיר . . .

ווּנדער אין באניאס *)

(געווידמעט דר. דירינגער)

איך האב אין באניאס געזען ווּנדער —
פון די גולן־בערג זענען אנטלאָפן די סירישע סאלדאטן,
זיי האבן מיטגענומען פון גליל די שרעק פון די קינדער.

אין גליל ביים כנרת איז רואיק —
די זון פירט אריין דאס וואסער פון ירדן,
דו זעסט דאס ליכט און דו זעסט די פארבן.

איך האב אין באניאס געשעפט פון פרישן קוואל־וואסער —
א דרוז האט געקוקט און געשמייכלט א ווייל,
פון זיין אפגאט און פון דעם נביא אליהו — אין חרמון די הייל.

אין שטח חרמון וואקסן טייערע עפל —
דער דרוז פארקויפט זיי אין בייטל און צוויי,
דו דארפסט וויסן, אז דער חרמון איז באדעקט מיט שניי.

פון באניאס בין איך געפארן ביז קאנטרא און ניט ווייטער —
פון דמשק צוואנציק מייל אהער צו דער גרעניץ פארן זיי,
דא צעטיילן זיך די וועגן.

דער קיבוץ גולן איז אנטקעגן —
פון דאנען קענסטו גיין און אהער קענסטו קומען,
דו דארפסט קיינעם ניט פרעגן.

דער גארטן איז אפן —
די ערד איז שווארץ,
א ווולקאן האט דאס זאמד פארברענט.
די חלוצים היטן די גרעניץ מיט אויסגעשטרעקטע הענט —
זייער תפילה איז צו שלום געווענט.
גולן און חרמון זינגען צו זיין נאמען ...

יאנואר
1968

*) גרעניץ־פלאץ צווישן ישראל און סיריע פאר דער מלחמה פון די זעקס טעג.

א בוך פון תשובה

אין טעג פון שמחה און עלית־נשמה, און אין טעג פון צער און צארן, בין איך מקנא די דיכטער ... זיי זענען בכוח צו זאגן איך א פאר שורות דאס וואס מיר קענען ניט זאגן אין א פאר דרוקבויגן ... זיי קענען געבן אן אויסדרוק צו זייערע געפילן און געפינען א דערלייזונג; פראזע שרייבער מוזן זיך ראנגלען מיט לאנגע נוסחאות אפילו ווען זיי קענען דעם סוד הצימצום.

אט נעמט י. א. ליסקי'ן און זיין בוך נייע לידער, וואס שפיגלען אפ די שטימונג פון אונזער גענעראציע, איר האט דארטן א ליד, וואס הייסט „דער נס פון די ניסים". דאס קעפל אליין זאגט שוין אלץ. שלאכט מיט פייער און שווערד און דער חשבון־הנפש זיינען אלע ארייגעטאן אין אכט פערזן ...

א ירושלימער פריינט האט געזאגט נאכן בצחון, אז די וועלכע גלויבן ניט אין ניסים זיינען אויף צרות ... ווארום וויאזוי קענען מיר דערקלערן, וואס עס איז געשען, בדרך הטבע, מיטן שכל־הישר?

י. א. ליסקי איז א דיכטער — און ער גלויבט אין נסים. אזוי וויל איז צו אים!

דער מחבר פון "פאר, דו קליינער קאזאק" האט א וואנדערבארן חוש פארן קיבוץ. דאס איז ביי אים א טראנספארמאציע פון פרעמדע פעלדער צו די אייגענע. „זיינע קינדער וועלן וואקסן גיבורים"...

אין א געוויסן זין איז עס א בוך פון תשובה. ווער וועט האבן ס'הארץ ניט אויפצונעמען א דיכטער פון תשובה מיט אפענע ארעמס?

שמואל גאלדשמידט.

נייע נאציאנאלע שירים

אזוי ווי אמאל דער גאט געבענטשטער נביא מיט דעם אויסגעשארפטן שטראף און טרייסט ווארט, וואס ער האט ארייגעבלאזן און וואס האט צעפלאקערט דעם ניצוץ החיים אין דער טאכטער ציון, אזוי האט איצט א אידישער דיכטער אין גלות איינגעטונקן די פען אין זיין געמיט און אנגעשריבן שירים פון אונטערגאנג פון אידישן לעבן אין גלות און לידער צום אויפגעלעבטן לאנד ביי די ברעגעס פון דעם בלויען ים התיכון.

איך האב געליינט מיט פיל אינטערעס י. א. ליסקי'ס נאציאנאל אינספי־רירנדיקע שירים, וואס דריקן אויס אונזער אלעמענס געפילן, און אין מיר האט זיך פארשטארקט דאס באוואוסטזיין, אז די דאזיקע לידער געהערן צו א העכערער מדרגה. זיי זענען דער אויסדרוק אויך פון אונזער וואקלדיקער עקזיסטענץ אין די תפוצות פון די כלומרשט זאטע אידן. די לידער דריקן אויס אויך די געפילן פון דער ציל־באוואוסטער ארבעט פון די קאנסטרוקטיווע פאנבן־טרעגער אין שטאט און אין פעלד, אויף דעם ים און אויף דעם וואכטורם אין מדינת ישראל.

מיר פרייען זיך צו קענען ארויסגעבן ליסקי'ס לידער. מיר זענען א קרייז, וואס האבן ליב דאס אידישע ווארט. איך באטראכט דאס בוך **„געזאנגען צו מדינת ישראל"** ווי א מתנה צו אונזער יוגנט, וואס וועט אין די שירים געפונען אינספיראציע פון טיפן נאציאנאלן ווערט, געשריבן פון א דיכטער, וואס לעבט מ'חוץ לארץ. דאס האט א באזונדערע באדייטונג.

מיר דריקן אויס א דאנק צו אלע פריינט, וואס האבן פארהאלפן, אז די דאזיקע לידער זאלן קענען ארויסגעגעבן ווערן אין א בוך, און זיי זאלן גרייכן צו די אידן אין ישראל און צו די אידן מ'חוץ לארץ...

פאר'ן קאמיטעט

ש. שייערמאן.

אינהאלט

זייט

דר. ש. לעווענבערג —
א מערקווירדיקע דערשיינונג
שמואל גאלדשמידט—א בוך פון תשובה
ש. שיקערמאן—נייע נאציאנאלע שירים
רבי דר. ה. ראבינאוויטש —
דאס בוך וועט ווערן באגריסט.
די אידישע מערכה — — — — 9
א צוריקגעמישט בלאט — — — 9
דעם טרעגערס פרייד — — — 10
דאס ליד פון צארן — — — — 10
דער נס פון די נסים — — — 11
איר זאלט קיינמאל ניט זיין קיין קנעכט 12
אין ווייסן ליכט — — — — 12
בייט ניט איבער דיין מלבוש 13
דבורה איז געקומען צו פליען 13
אן אראבער פון על אריש — — 14
אויפן וועג קיין בית לחם — — 14
דאס אייביקע ליד — — — — 15
די אטאמישע מאמע — — — 15
עמק—שער און אייזן — — — 16
א מתנה פאר א בעל יובל — — 16
א היינט־צייטיקע פאסטאראלע — 16
דו און דיין אייביקייט — — — 17
אלע זאלן הערן — — — — 17
דאס גאלדענע בוך — — — — 17
איזו לחרב — — — — — 18
עם הספר — — — — — — 19
זאלסט ציילן די ווערטער — — — 19
א פאלק פון יושר און פון זינגער 19
שובו שובו — — — — — 20
דיין ליד איז המשך — — — — 20
די קליינע אותיות — — — — 21
ער ווארט מיט שלעגער אין א ריי 21
שותפים אין גלות — — — — 22
א געזאנג צו די שוועסטער — — 22
דערגרייך דאס און נאך מער — — 23
ער קומט היילן דיינע וואונדן — 23
דאס אידישע ליד — — — — 24
ווער זאל דיר מוחל זיין? — — 24
אן אויסגעהוילט הארץ — — — 25
ניט א שטעטל פונדאסניי — — — 25
קרוע ובלוי — — — — — 26
געדעכטיקייט און אמת — — — 26
געוואכט האט נאר איינע א קו — — 27
די מאמע שטרעקט אויס א האנט 27

זייט

זעצט אייך צו דער סעודה — — 28
פריילעך איז די נאכט — — — — 28
תפילה פאר דעם שלום פון דער וועלט 29
כעני בפתח — — — — — — 29
ביי דעם גרינעם טיש — — — — 30
א רמז — — — — — — — 30
לאז וויסן דעם ברודער ביי'ם נעסטער 31
אין דעם ליד לעבן די מעשים — — 31
דער שטאם פירט דעם שטאם פארקערט 32
קיינער עפנט ניט די טיר — — — 32
כפתור ופרח — — — — — 33
א פאטש אין פנים — — — — 33
וויגן זיך שאטנס אויף דעם ים — — 34
דער צער טאר ניט ווערן גרעסער 34
נעם דיר מיט די גאנצע וועלט — — 35
דער אויסגערונענער שכל — — — 35
קומט צו די אידישע טויערן — — 35
זיי ווילן ניט ליגן מן הצד — — 36
זוך און דו וועסט געפונען — — 36
אויפגעהערט איינגאנצן האט דאס
אייביקע האסן — — — — 37
גיי מיין פריינט אהין מיט שנעלע טריט 37
אייער ישוב גייט אויס ווי א ליכט 38
דער איד אין גלות — — — — 38
רוקט די זון זיך אונטער — — — 39
מען דרייד זיך פארביי — — — 39
ביסט פארבייגעפארן א פעלד — — 40
געבליבן איז דאס הוילע געדריי — 40
א ליד צו דעם ים — — — — 41
אין איין רייע שוועבן דריי — — 41
זינגט דער פויגל פון דער שרפה 42
ביי אונזער טיש — — — — 43
ניט גערואטן — — — — — 43
האסט גערופן — — — — — 43
פעלן דארף דא קיינער ניט — — 44
קומט און ארבעט אייער חלק — — 44
דאס ווארט — — — — — 45
דער גוטער מאמעס נייע ליד — — 45
ביי די פולע טייכן — — — — 45
דריי אייגענע גרויסע בערג — — 46
אידישקייט — — — — — — 46
די נאכט גייט אוועק אן טרויער — 47
ער וועט היטן און וועט שטראפן — 47
ווי א צוויג אין שאטן — — — 47
זיי ברענגען א מתנה — — — 48

אינהאלט

זייט

די לידער ליגן אין שופלעדל — 49
גייט זיי נאך די אלטע אידישע גאס 49
זיי צופרידן מיט דער ערד — 50
קומט זינגען די שבועה — 50
דער נייער רינג — 51
מען גייט פארשרייבן אינ׳ם פנקס — 52
צו לעבן בשלום — 52
פארגעס אין וואלקן, וואלד און ים — 53
זייט גרייט — 53
מען מאכט פאר זיי א גאנצע ווארע 54
דער איד אין דער מדבר — 54
דער שונא שארפט זיין שווערד — 55
דו ביסט ניט דער מורד — 55
אלעקסיי וועט די פערד ניט שפאנען 56
שיין ווי גאלד — 56
גיי מיט דער זון אנטקעגן דיין פעלד 57
א גוטער סימן — 57
אנ׳אויסגעטראכטער פויגל — 58
נאקעט איז דעם מענטשנס פוס — 58
דאס שטערנטיכל — 59
דאס קול בלייבט הענגען אין דער לופט 60
נאר איין שול האט דיין וואג — 60
דא זאל ניט בלייבן דיין טריפה געביין 61
אן א קלייד אויף זיך — 61
אראפגעלאזטע הענט — 61
אויס תחום — 62
דער וועג אהין איז ניט ווייט — 62
ווארף דיין בליק העכער דער מויער 63
מער ליכט אויף דער עקידה — 63
ס׳איז הייס מיט דער זון אין דער מיט 64
א שבח דעם אידן פון מיין שטעטל 65
בעיר הקודש — 65
די נייע ווינטן בלאזן צו שטארק — 66
די לבנה אין פעלד — 66
דו האסט דעם קלאפ ניט געהערט 67
דער נאקעטער מענטש מיט דעם געווער 67
וואלגערט זיך א שטיינדל ביים טייך 68
לאזט אונזערע שורות פריי — 68
אדלער אין לאנד — 69
זינגען מיר צו זיי — 69
גיב דער האנט דיין פאן א צייכן — 70
גיס דעם ווין מיט דער פולער האנט 70
דער איד אויף סאוויעטישער ערד 71
לאמיר אנהייבן פונדאסניי — 71
פרילינג אין יאר 1966 — 72
זאל יעדער זען די געבײדע און
דעם בויער — 72

זייט

זיו השכינה — 73
בעת — 73
אין לאנד פון די לידער — 74
די שורה האט אן אפן פענצטער — 74
א פארקערטע מאס פאר זיי — 74
ביי אונז אין פעלד — 75
שיק צו זיי דיין רוף — 76
די בייזע פליגל פאכן — 76
שלום דיר צו זאגן — 76
אונזער ירושה — 77
זאל דער נס געשען — 77
זאגט איך אפ פון אים — 77
א שפיז שארף אויס דיין שורה — 78
די דערלייזטע — 78
ז׳וועלן קומען צו דער אפענער טיר 79
דו און דיין שכן — 79
אונזער שפראך איז אויס מיטל — 80
ער האט דערזען — 80
אין דער הויף איז זיין גארטן — 80
זאל דאס ווארט וואקסן און אויפגיין 81
קומט די שלאנג צו גאסט — 81
פארלוירן האט ער דעם כח הדבור 82
דאס ליד דרייד זיך אוועק פון אייך 82
שפאנט א ליד צו צוויט — 83
היום בארצנו — 83
יצחק און דער אדלער — 84
זאל ברייט אויפגעמאכט בלייבן
אונזער טיר — 85
זי וויל ניט פירן מער דעם קריג 85
אנ׳אנגעלייגטער גאסט — 85
קערט איך אום צוריק צום
אייגענעם שטאם — 86
דאס אידישע ליד האט אראפגעלאזט
דעם קאפ — 86
מיר זענען דארט בײדע ניט געווען 86
שרייב ניט פאר פאלשע רעטער — 87
אויפגעאקערט האט ער אונזער פעלד 87
איר פארדינט ניט קיין שבחים — 88
אויף אידיש טוט איך שווערן — 88
אפן פאר דיר באזונדער ליגט דאס
מלכות — 89
ער וועט דיר אנטקעגן קומען — 89
דער שכל — 89
עס וועט זיין שפע — 90
שיר הגלות — 90
דעם מענטש צו דערליזן — 91
וווּנדער אין באניאס — 92

באמערקונג פון מחבר

איך האלט פאר א גרויסער זכיה צו זיין ב׳כוח ארויסצוגעבן דאס בוך לידער צום צוואנציקסטן יאר־טאג פון דער אומאפהענגיקייט פון מדינת ישראל. איך האב די לידער פארעפנטליכט אין דער וואכנצייטונג „די אידישע שטימע״.

אין יאר 1967 האב איך באזוכט ישראל צום דריטן מאל. דאס ליד צום סוף פון בוך „וואונדער אין באניאס״, איז געשריבן פון יענער נסיעה. די לידער אין דעם בוך זענען אן אויסדרוק פון דעם פאלקס־לעבן אין אונזער צייט.

אין אנדענק פון מיינע עלטערן חיים און פייגע ע״ה, און אויך מיין ברודער הערש וואלף, וועלכער איז אומגעקומען על קדוש השם, אין דריטן חורבן, צוגלייך מיט די אנדערע אידן פון יעזיערנא, דאס שטעטל וואו אונזער משפחה איז געבוירן געווארן.

איך דריק אויס א דאנק צו אלע פריינט, וואס האבן צוגעהאלפן, אז די לידער זאלן קענען גרייכן די אידישע לייענער.

פריער דערשינענע ביכער:

א בוך דערציילונגען „פראדוקטיוויזאציע״ 1937.

א לענגערע דערציילונג „פאר דער קליינער קאזאק״ 1942.

א לענגערע דערציילונג ״מלאכה בזויה״ 1947.

אין ענגליש:

"THE COCKEREL IN THE BASKET" 1955

Printed by The Linder Press (T.U.) 11-13, New Road, E.1.